Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

Najer Folksblat פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען

נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

Nr. 89/1384 | Łódź, Wtorek 17 kwietnia 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג כז ניסן תרפ"ח | Nr. 89/1384

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 71-24.

Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471.

פ.פ.ס. בלייבט אין אפאזיציע צו דער רעגירונג

וו א ר ש א, 16. (טעלעפאניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט). אין דער אָנוועזענהייט פון 44 מיטגלידער האָבען זיך היינט פריה אין סיים אָנגעהויבען די ווייטערדיגע בעראַטונגען פונ'ם פ. פ. ס.-הויפט-ראַט. אלס פרעזעס פון הויפט-ראַט איז אויסגעוועהלט געוואָרען דעפ. הערמאַן דיאַמאַנט און אלס וויצע-פרעזעס דעפ. ד"ר באַבראָווסקי. דער הויפט-ראַט האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער ס'ווערט אויסגעדריקט דאַנק און אָנערקענונג דער לייטונג פאַר'ן אדורכפיהרען די וואַהלען, וואָס האָבען זיך פערענדיגט מיט אַזאַ נצחון און בעשלאָסען צו בלייבען אין אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג. ס'איז אָנגענומען געוואָרען אַ פּראָטעסט בעגען די פרובען צו ענדערען די עקזיסטירענדע מלוכה-אָרדנונג, בפרט די וואַהל-אָרדינאַציע, און ס'איז בעשלאָסען געוואָרען אדורכצופיהרען דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון די פ. פ. ס. און זוכען אַ מיטאַרבייט מיט אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין פוילען.

שרעקליכע טראמוואי-קאטא-סטראפע אין בערלין

ב ע ר ל י ן 15 (אטע) היינט נאָכמיטאָג איז דאָ פאָרגעקומען אַ שרעקליכע טראַמוויי-קאַטאַסטראָפע. ס'זענען צושמעטערט געוואָרען דריי וואַגאָנעס פול מיט פּאַסאַזשירען, וואָס זענען צוריקגעפאָהרען פון אַ פוסבאַל מעטש 4 פערזאָן זענען דערהרגעט געוואָרען ביז 80 פערזאָן זענען שווער פערוואונדעט געוואָרען. די ערשטע הילף די פערוואונדעטע האָט ערטיילט די פּאָליציי און די פייערלעשער,

ב ע ר ל י ן 16 (ספּ.טעל.) בעת דער טראַמוויי-קאַטאַסטראָפע זענען 10 מענשען דערהרגעט געוואָרען און 90 — פערוואונדעט. דער מאָטאָר-קאָנדוקטאָר איז גראַטעוועט געוואָרען.

די גוואלדיגע היזקות פון די ערד=ציטערנישען אין בולגאריען און פערו.

ס אָ פ י אַ, 16 (א. ו.) לויט די ידיעות וואָס קומען אָן פון די פּראָווינצען, וואו ס'איז פאָרגעקומען די ערד-ציטערניש זענען 120.000 מאַן געבליבען אָהן אַ דאַך איבער'ן קאָפּ און געפינען זיך אין די פעלדער און אויף פּלעצער. אַלע טעלעגראַפישע און טעלעפאָנישע פערבינדונגען זענען איבערגעריסען געוואָרען. די באַהן-ליניע צווישען סאָפיאַ און פיליפּאָל איז צושטערט און קען גיך נישט צוריקגעשטעלט ווערען. פון סאָפיאַ קומען ווייטער אָן שפּייז-טראַנספּאָרטען. די גרעסטע טייל פערוואונדעטע בעת דער ערד-ציטערניש זענען שוין איינלאָקירט אין שפּיטאָלען און באַראַקען.

נ י ו - י אָ ר ק, 16. (א. וו.) פון לימא (פּערו) טיילט מען מיט, אַז אין ראַיאָן פון יעזשערא טיטיקאקא האָט זיך געפיהלט זעהר אַ שטאַרקע ערד-ציטערניש. אַ רייה שטעדט ווי קאפּאקאבאנא, כּוּכּויט, פּונא, איטואַטא זענען פערניכטעט געוואָרען. איינצעלהייטען פעהלען.

נ י ו - י אָ ר ק, 16. (א. וו.) פון סאַן יאַגר און טשילי טיילט מען מיט, אַז אַ שניי-לאַווינע האָט אין דער אומגעגענד פון טאַלק בעשאָטען פיל קאָלאָניעס. הונדערט מיט עטליכע און זעכציג פערזאָן זענען אומגעקומען. ס'איז אויך אומגעקומען פיל פיה. איינציגע קאָלאָניעס זענען גענצליך פערניכטעט געוואָרען.

קאנפערענץ פון די ציוניסטישע צ. ק. וועט פארקומען אין לאדז זונטאג דעם 29 ה. ח.

וו אַ ר ש אָ, 16 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) די קאָנפערענץ פון די ציוניסטישע צענטראַל-קאָמיטעט, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין לאָדז זונטאָג, דעם 22 ה. ח. איז אָפּגעלעגט געוואָרען אויפ'ן 29 ה. ח. לויט די ביז איצטיגע פּראָיעקטען וועט דער נייער אויבערראַט בעשטעהן פון דר ייפּאָרזיצער, וועלכע וועלען אַריין אין עקזעקוטיווע אפיציא און פון אַ גענעראַל-סעקרעטאַר.

אונטערהאנדלונגען וועגען אנ'אינוועסטיציע הלואה פון 110 מיליאן דאלאר הויבען זיך היינט אן אין ווארשא.

וו אַ ר ש אָ, 16 (א. וו.) גענעראַל דירעקטאָר פון „באַנקער טרוסט“ טילנעי, וועלכער האָט געוויילט דריי טאָג אין וואַרשאָ, האָט אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט'ן פינאַנץמיניסטער טשעכאָוויטש און דירעקטאָר מלינאַרסקי. טילנעי האָט פעסטגעשטעלט, אַז די אַלגעמיינע ווירטשאַפטליכע לאַגע פון לאַנד איז אין אַלגעמיין אַ גוטע און די פינאַנציעלע לאַגע איז אַ בעפרידיגענדע.

וו אַ ר ש אָ, 16 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) היינט איז דער גענעראַל דירעקטאָר פון „באַנקער טרוסט“ טילנעי אָפּגעפאָהרען קיין פּאַריז. פאַר זיין אָפּפאָהרען האָט ער אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז הגם די לאַגע אין פוילען איז אַ צופרידענשטעלענדע, קען מען נישט רעדען איצט וועגען נייע מלוכה-הלוואות, נאָר וועגען אינוועסטיציע-הלוואות.

מאָרגען וועלען פאָרקומען קאָנפערענצען מיט די פערטרעטער פון די באַנק וועגען די דריי אינוועסטיציע-הלוואות: פאַר באַהן, אגראַר און אינדוסטריע. די הלוואות וועלען צוזאַמען בעטרעפען אַן ערך פון 110 מיליאָן דאָלאַר און זאָלען אויסגעצאָהלט ווערען פוילען אין פערלויף פון 5—6 יאָהר. דעם ערשטען יאָהר זאָל איינפליסען עטליכע און דרייסיג מיליאָן דאָלאַר.

פערענדיגט די קאנפערענץ פאר'ן ארבייטענדען א"י
קיין פערוואלטונג איז נישט געוועהלט געווארען

וו אַ ר ש אָ, 16 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) די קאָנפערענץ האָט זיך היינט פערענדיגט אַרום 7 אַ זייגער און ווידער ביי גרויסע סקאַנדאַלען. ווען דער פאָרזיצער ראַבקין האָט אויף העברעאיש ערטיילט דאָס וואָרט דעם רעלעגאַט מאַלקין, האָט יענער ערקלערט, אַז ער פערשטעהט נישט קיין העברעאיש. דער פאָרזיצער האָט איהם דאַן ערטיילט דאָס וואָרט רעדענדיג יודיש. דאַן האָבען די אָנהענגער פון התאחדות אויפגעהויבען אַ געוואַלדיגען סקאַנדאַל.

די קאָנפערענץ האָט קיין פערוואַלטונג נישט אויסגעוועהלט נאָר געשאַפען אַ צייטווייליגען ראַט, וועלכער וועט דורכפיהרען אונטערהאַנדלונגען און שאַפען אַ פערוואַלטונג לויט אַ פערשטענדיגונג.

ב"ה

מודעה.

כל התלמידים שנתקבלו לישיבתנו „מאירת עינים“ מתבקשים לבוא לאולם ישיבתנו פולנאָצנא 5 ביום ג' פ' תזריע משעה 7 עד 10 ערב אודות ענין נחוץ. גם תלמידים חדשים היכולים ללמוד בעצמם גמ' ותוס' מתקבלים עוד עד ר"ח הבע"ל.

ביום א' פ' אחרי יתחילו הלימודים בישיבתינו אי"ה וכל הקודם זכה.

ועד הישיבה
„מאירת עינים“
צ"ש כ"ק אדומו"ר הרה"ק זי"ע
מאסטראווצע.

צו די תנאים פון ה'
י. אינפעלד
מיט פרל. עטקא זאנדבערג
ווינשען פיל גליק
א. קויפמאַן און פרוי.

מיין פריינד י. אינפעלד
צו זיינע תנאים מיט פרל.
עטקא זאנדבערג —
די הארציגסטע וואונשען
פינקוס וויינטרויב.

Dr. med.
Wolf Eychner
פרויען-קראַנקהייטען
און אקושעריע
זגערזשער 11 טעל. 34-72
נעהמט אָן אין דער לעטש-יצע
פּיעטריקאָווער 294 פון 12—2
נאָכם. אין דערהיים פון 6-8 אָוו.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער מיטאַרבייטער
י. אינפעלד
מיט פרל. עטקא זאנדבערג
ווינשט פיל גליק
„נייער פאלקסבלאט“.

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז נעכטען מאָנטאָג, דעם 16-טען אַפּריל ד. י. געשטאָרבען מיין ליבער מאַן, אונזער ליבער פאָטער, גרויספאָטער, אורגרויספאָטער, שווינערפאָטער, ברודער און אָנקעל

נ.ע. לייביש ב"ר משה ז"ל בריסטאווסקי

(גרינדער פון דער חברה „שומרי שבת“ אלעקסאנדריסקא 19)

אין עלטער פון 90 יאהר.

די לויה קומט פאָר היינט, דינסטאָג, דעם 17-טען אַפּריל ד. י., 12 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער-הויז אַלעקסאַנדריסקא 21 (מרדכי גבאי'ס גאַס), וועגען וואָס עס טיילט מיט

די טיפטרויערנדע פאמיליע.

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען אונזער עלטסטער מיטגליד פון דער חברה „שומרי שבת“ אַלעקסאנדריסקא 19

נ.ע. לייביש בריסטאווסקי

אַלע אונזערע מיטגלידער און מתפללים ווערען געבעטען צו קומען היינט, דינסטאָג, פּינקטליך 12 אַ זייגער בייטאָג צו דער לויה, וועלכע קומט פאָר פון טרויער-הויז אַלעקסאַנדריסקא 21, כדי אָפּצוגעבען דעם עלטסטען נפטר דעם לעצטען כבוד.

די גבאים מהחברה „שומרי שבת“
אלטשטאט, אלעקסאנדריסקא 19

דער היינטיגער אפצייכנונגס=טאָג לטובת „בית מחסה לזקנים“

היינט איז אנ'אָפּצייכנונגס-טאָג לטובת דעם זקנים-הויז

בעטען מיר אַלע דורכגעהער, זיך שטאַרק צו בעטייליגען אין דער גרויסער מצוה. קיינער דאַרף זיך נישט ענטזאָגען צו קויפען אַזאַ אָבצייכנונג און אַריינוואַרפען אין דער פושקע גרעסערע מטבעות, און ווער ס'געהט נישט אַרויס אין גאַס, בעטען מיר אונז צוצושיקען זייערע נדבות, ווייל מיר ווילען דעם היינטיגען זומער אויספערטיגען דעם נייעם בנין.

649

די פערוואַלטונג.

געשאַפּעז אַקאָנטאַקט מיט „ברעמען“

קאַנאַדישע לופט=שיף אָנגעקומען מיט הילף אויפ׳ן גרענוי=אינזעל.

בערלין, 16 (אַט״ע) לויט די אינפאָר־זאַציעס פון אָטאַווע האָט דער קאַנאַדישער ראַמפּער „מאַנטקאַלם“, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרען נאָך די דייטשע לופט־פליהער, נעכטען דערגרייכט 75 מייל פון גרינליי־אינזעל, האָט אָבער נישט געקענט צוקומען צום אינזעל צוליבן נעפּעל און אייז־פער־שטאָפּונגען.

אויך די דריי לופט־שיפען, וואָס זענען אַרויס־געשיקט געוואָרען צום גרענוי־אינזעל זענען אַהין נישט אָנגעקומען. לויט ראַריאָ־אינפאָרמאַציעס האָ־בען די לופט־פליהער אָפּגעלאָזט דעם געדאַנק צו פליהען ווייטער אויף „ברעמען“. זיי וועלען מוזען דורכמאַכען 25 מייל ביז צו אַ ברעג און פון דאָרט אויף אַ שיף.

די ראָזיגע שטרעקע איז שווער איבערצופאָה־רען אויף שליטענס און איז איבערהויפּט שווער פאַר קאָמוניקאַציע. אין מזרח־קאַנאַדע איז אויסגעפאַ־לען נעכטען אַ גרויסער שניי. די טעלעגראַפישע פער בינדונג מיט סען־לאָורענץ־נעי איז איבערגעריסען.

מאַנטרעאַל, 16 (א. וו.) דאָ איז דערהאַל־טען געוואָרען אַ פונקען־דעפּעשע, אַז דער ראַמפּער „מאַנטקאַלם“, וואָס איז אַרויסגעפאָהרען צו הילף די דייטשע לופט־פליהער, איז געבליבען שטעקען אין אייז. דורך אַנ׳אומגעריכטען שטאַרקען ווינד איז דער ראַמפּער פערטריבען געוואָרען אין אַ קליינעם ים־אויסגוס און איז דאָרט אין פערלויף פון דער נאַכט אַרומגעפרוירען געוואָרען. דער ראַמפּער וועט קענען אַרויספאָהרען צום גרענוי־אינזעל ערשט ווען ס׳וועט זיך ענדערן דער וועטער.

קוועבעק, 16 (א. וו.) נעכטען 6 נאָכמיטאָג איז אויף גרענוי־אינזעל אָנגעקומען דער ערשטער אַעראָפּלאַן, וואָס האָט געבראַכט פאַר די לופט־פליהער בענזין, אייל און אַנד. אַרטיקלען. היינט ווערט ערוואַרט דאָס אָנקומען פונ׳ם צווייטען לופט־שיף. ווי ס׳טיילען מיט די ראַריאָ־דעפּעשען האָט קעל בדעה נאָכ׳ן דערהאַלטען פון אַ גענוגענ־ען זאַפּאַס בענזין און נאָכ׳ן פעררריכטען דעם אַעראָפּ־לאַן „ברעמען“, אַרויסצופליהען ווייטער פונם אינזעל.

קוועבעק, 16 (ספּ. טעל.) די קאַנאַדישע לופט־שיף מיט צוויי לופט־פליהער, וואָס זענען אַ־רויסגעפלויגען צו הילף די דייטשע לופט־פליהער זענען אָנגעקומען אויף גרענוי־אינזעל און אַזוי־אַרום געשאַפען דעם ערשטען לעבעדיגען קאָנטאַקט מיט זיי. ס׳ווערט ערוואַרט דאָס אָנקומען פון אַ צווייטען לופט־שיף.

דער לופט־פליהער שילער האָט געהאַט אַ געשפּרעך מיט קעל און דורכ׳ן ראַדיאָ אין פּוּאַן ד׳אַמור איבערגעגעבען די איינצעלהייטען, ווי אַזוי „ברעמען“ איז געצוואונגען געווען זיך אַראָפּצוּ־לאָזען.

די רייזע איז געווען זעהר אַ שווערע, אַרום 4 פאַרטאָג האָבען די לופט־פליהער פערלוירען די אָריענטאַציע צוליב׳ן געדיכטען נעפּעל, שניי, ווינט און פראָסט. ערשט אַרום האַלב 6 פאַרטאָג האָבען זיי בעמערקט אַ אייז־פעלד און זיך בעשלאָסען אַ־ראָפּצולאָזען, בפרט ווייל ס׳האָט אויסגעפעהלט בענ זין. ביים אַראָפּלאָזען זיך האָט זיך דער אַעראָפּלאַן אָנגעשטויסען אויף אייז און איז בעשעריגט גע־וואָרען.

—:0:—

אויפגעריסען דעם צוזאַמענפאָהר פון יודישע סטודענטען אין פּאַריז.

פאַריז. 16 (י.ט.א, טעלעגראַפיש) דער צוזאַמענפאָהר פון יודישע סטודענטען, וואָס האָט געדויערט 2 טעג, איז אויפגעריסען געוואָרען צוליב אַ שאַרפען קאָנפליקט צווישען די נאַציאָנאַלע און לינקע סטודענטען.

דער קאָנפליקט איז ענטשטאַנען בעת דער דיסקוסיע איבער׳ן פאָרשלאַג פון די ציוניסטען צו פעראורטיילען די פערפאָלגונגען געגען ציוניסטען אין ראַטען-רוסלאַנד.

נאָכדעם ווי דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען, האָבען די לינקע אויפגעהויבען אַ שטאַרקע אָפּסטרוקציע און מיטגעריסען אַ טייל פון די דעלעגאַטען פון צענטער.

ביי דער צווייטער אָפּשטימונג איז דער פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפען געוואָרען.

די ציוניסטישע דעלעגאַטען האָבען פערלאָזען דעם צוזאַמענפאָהר מיט׳ן געזאַנג פון התקוה.

—:0:—

אינטערווענץ צו פערלייכטערען די איינוואַנדערונג קיין אמעריקא פאר פרויען און קינדער.

וואַשינגטאָן. 16 (י.ט.א. טעלעגראַפיש) אַ דעלעגאַציע פון יודישע און קריסטליכע געזעל־שאַפטען פאַר סאָציאַלע הילף האָט אינטערווענירט ביי דער עמיגראַציע - קאָמיסיע ביים קאָנגרעס וועגען פערלייכטערען דעם קוואָטע-געזעץ בנוגע דער איינוואַנדערונג פון פרויען און קינדער פון אַמעריקאַנער בירגער,

לואי מאַרשאַל האָט פאַרגעלעגט צו ענדערען דעם קוואָטע-געזעץ פון יאָהר 1924.

—:0:—

צוליב אַנטיסעמיטיזם

אויסגעשלאָסן קאָמוניסטן און לעהרער

מאָסקווע, (י.ט.א.) דריי קאָמוניסטישע סטודענטען, מיטגלידער פון דעם כאַרקאָווער „קאָמ-סאָמאָל“, זענען איצט אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דעם קאָמוניסטישען יוגענד-פערבאַנד און פון כאַר-קאָווער טעכנאָלאָגישען אינסטיטוט אַלס שולדיגע אין די אַנטיסעמיטישע פייניגונגען פון אַ יודישען סטודענט, וועלכע האָבען אויפגערודערט גאַנץ כאַר-קאָוו.

די קאָנטראָל-קאָמיסיע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין כאַרקאָוו האָט זיך פעראינטערעסירט מיט דעם שענדליכען אינצידענט און האָט פעסט-געשטעלט, אַז אַנטיסעמיטישע שטימונגען האָבען געהערשט אין דעם אינסטיטוט אויך צווישען מיט-גלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, צווישען קאָמסאָמאָלצעס און בכלל צווישען דער סטודענ-טענשאַפט. דער סעקרעטאַר פון קאָמוניסטישען קרייז אין אינסטיטוט איז אויך געווען צווישען יענע, וואָס האָבען צוגעזעהען די אַנטיסעמיטישע אַקטען אין אינסטיטוט און האָבען געשוויגען.

די קאָנטראָל-קאָמיסיע האָט דערפאַר בע-שטימט: 1) אויסצושליסען דעם סעקרעטאַר פון אינסטיטוט און מאַכען איהם אַ שטרענגען פאָר-וואורף 2) אויסצושליסען די דריי שולדיגע קאָמו-ניסטישע סטודענטען פון דער פאַרטיי און פון אינ-סטיטוט, 3 אָפּזאָגען די לעהרער קאַשקין פון דעם אינסטיטוט און איהם מאַכען אַ שטרענגען פאָר-וואורף אַלס מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

דער רעקטאָר פון אינסטיטוט באָטשקאָוו, וועט אויך בעקומען אַ וואָרנונג און אַ שאַרפען פאָר-וואורף דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געמאַכט קיין ענדע צו די אַנטיסעמיטישע אָנפאַלען אויף יודישע סטודענטען אין אינסטיטוט, און פלעגט זאָגאַר שטענדיג בעריכטען דעם פאַרטיי-קאָמיטעט, אז „אין אינסטיטוט איז אַלץ אין אָרדנונג“.

7000 דונאַם ערד פאַר דער יודישער לאַנדווירטשאַפטליכער שול אין א״י.

ירושלים. (יט״א). די רעגירונגס-קאָמיסיע, וואָס פערנעהמט זיך מיט דער גרינדונג פון אַ לאַנד-ווירטשאַפטליכער שול פאַר די יודען אין ארץ-ישראל, האָט אונטערזוכט די ערד-שטחים, וואָס ווערען בע אַטימט פאַר דער שול. סך-הכל וועט אויסגעטיילט ווערען 7000 דונאַם ערד פאַר דער יודישער לאַנד-ווירטשאַפטליכער שול, 1000 דונאַם ערד פאַר דער עקספּערימענטאַלער סטאַציע און 6000 דונאַם פאַר די בעוואַלדונגס און פלאַנטאַציע - אַרבייטען פון דער שול.

לואי מאַרשאַל פאר הוווער׳ס קאַנדידאַטור

בעת די פּרעזידענט=וואהלען אין די פעראייניגטע שטאַטען.

ניו-יאָרק, (י.ט.א.) דער בעקאַנטער יו-דישער כלל-טוער און פאָרזיצער פון יודיש-אַמע-ריקאַנישען קאָמיטעט לואי מאַרשאַל האָט אין אַ בריף צום פאָרזיצער פון רעפּובליקאַנישען וואַהל-קאָמיטעט אין ניו-יאָרק זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער קאַנדידאַטור פון הערבערט הוווער בעת די נאָהענטע פּרעזידענט-וואַהלען אין די פעראייניגטע שטאַטען.

„פון מיינע פערזענליכע געשפּרעכען מיט׳ן פּרעזידענט קולידזש — שרייבט לואי מאַרשאַל — קען איך דרינגען, אַז דער איצטיגער פּרעזידענט וועט זיכער נישט אַרויסשטעלען זיין קאַנדידאַטור בעת די נאָהענטע וואַהלען. איך האַלט דעריבער, אַז דער בעסטער קאַנדידאַט פאַר אַ פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַטען איז הערבערט הוווער, וועלכער וועט זיכער פאָרטזעצען די פּאָליטיק פון פּרעזידענט קולידזש.

העינריק גליצענשטיין

אויפגענומען דורכ׳ן פּרעזידענט קולידזש.

וואַשינגטאָן. (י.ט.אַ.) פּרעזידענט קולידזש האָט אויפגענומען דעם בעריהמטען יודישען סקולפּטאָר העינריק גליצענשטיין, וועלכער שטאַמט פון פּוילען. פּרעזידענט קולידזש האָט אין משך פון געשפּרעך אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקען אינטערעס פאַר גליצענשטיינס ווערק, וואָס זענען אויסגעשטעלט געוואָרען אין ניו-יאָרק, און האָט אויסגעדריקט זיין ווונש צו זעהען די ווערק אין וואַשינגטאָן. פּראָפ. גליצענשטיין איז אויפגענומען געוואָרען דורכ׳ן פּרעזידענט קולידזש אין בעגלייטונג פון פּוילישען אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן ה׳ ציעכאַ-נאָווסקי, וועלכער האָט איינגעאָרדענט אַ באַנקעט לכבוד דעם בעריהמטען קינסטלער.

די בוי=טעטיגקייט אין תל=אביב

תל-אביב, (י.ט.א.) אין משך פון יאָהר 1927 זענען אין תל-אביב ערטיילט געוואָרען 482 בוי-ערלויבענישען. נישט רעכנענדיג פערשידענע איבערבוי-אַרבייטען, זענען אין משך פון 1927 אויפגעבויט געוואָרען נייע 168 צימער- און 43 געשעפטס-לאָקאַלען, וואָס נעמען אַרום אַ שטח פון 12,720 קוואַדראַט-מעטער.

פּרייז 2 זל. שנעל און רעיעל! פּרייז 2 זל.

רעכטס=קאָנסולטענטען=ביוראָ

„פּאָראַדאַ“-„PORADA“

10 פּיעטריקאָווער 10

אונטער לייטונג פון אַ לאַנגיעהריגען און רוטינירטען געריכט-סעקרעטאַר שרייבט אַלערליי ביטען און אַפּעלאַציעס, קלאַגען און זאַבעזפּיעטשעניעס. אינפאָרמירט און שרייבט אין אַלערליי מיליטער-ענינים. אויך איבערזעצונגען אין פרעמדע שפּראַכען. [258

בעקאַנטמאַכונג.

זונטאג, דעם 29. אַפּריל ד. י., 3 נאָכמיטאָג קומט פאַר די יעהרליכע

אַלגעמיינע פערזאַמלונג

פון די פעראיינס-מיטגלידער פון „לינת החולים“ אין אייגענעם הויז, אין לאָקאַל פּאָלוד-ניאָוואַ 19 צום 1-טען טערמין 3 אַ זייגער נאָכמיטאָג און 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג צום 2-טען טערמין און וועט זיין גילטיג ביי יעדער צאָהל מיטגלידער פון פעראיין

מיט פאָלגענדער טאָג=אָרדנונג:

1) ערעפנונג פון דער פערזאַמלונג;
2) בעעהרען דאָס אָנדענקען פון די פערשטאָרבענע מיטגלידער;
3) וואַהל פון אַ פאָרזיצענדען;
4) פאָרלעזען דעם פּראָטאָקאָל פון דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע;
5) בעריכט פון יאָהר 1927;
6) ביודזשעט פאַר׳ן יאָהר 1928;
7) בעפאָלמעכטיגונג פאַר די פערוואַלטונג צו פערענדיגען די פּראָנט-געביידע;
8) צו בעקומען אַ היפּאָטעק-אַנלייהע;
9) פאָרשלאַגען פון דער פערוואַלטונג; 10) פאָרשלאַגען פון די פעראיינס-מיטגלידער
11) דאָס ענדערען די סטאַטוטען.
12) וואַהל פון 1 פּרעזעס, 2 וויצע-פּרעזעסען, 1 סעקרעטאַר, 13 פערוואַל-טונגס-מיטגלידער און 5 קאַנדידאַטען, 5 מיטגלידער אין דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע.

די פערוואַלטונג פון „לינת החולים“.

199

א האַנד - נייהער ווערט געזוכט צו מאַגאַזין-אַרבייט 1-טע סאָרט ביי גראָסמאַן. קאָנסטאַנטינער 58. 669

היילפּעראַ-גאָגישע קורסען פאַר שוואַכבעפעהיגטע, שווער-ערציהבערע קינדער. שפּראַך-שטערונגען (שטאַמלען, מויל-שטאַמען)

Dr. med. A. Szmirgeld
נערווען-אַרצט
עלעקטריזאַציעס, ליכטהייל-שטראַלען
Cegielniana 6, tel. 51-89
ספּעציעלע פון 5—7 אַוונט

Dr. med. NIEWIAŻSKI
Sienkiewicza 34
tel. 59-40.
ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, דריפּער און הויט-קראַנקהייטען. בעהאַנדל. פונמענער-שוואַכע. נעמט אָן פון 5—9 אָוונט

Dr. W. ŁAGUNOWSKI
הויט, וועגערישע קראַנקהייטען און מענערשוואַכע
43 נאַדנסקאַ 43
ועהמט אָן פון 9 ביז 10½ פרים און פון 1 ביז 2½ נאָכם. און פון 8 ביז 9 אָוונט 788

ענטפער אויף דער עפענטליכער אויפאָדערונג.

ראובן וואָלף האָט ביי מיר ענדע נאָוועמבער 1927 בעשטעלט אַ מאַנטעל פאַר 310 זל. אויף דעם האָט ער מיר געגעבען 10 זל. מזומן און 6 וועקסלען צו 40 זל. אויסגעשטעלט און צאָהלבאַר אין לאָדז, אַלעקסאַנדראָווסקאַ 24, וואו ער האָט דאַמאַלס געוואוינט. אַזוי ווי קיין גרויסער בעל-בטוח איז ער נישט, האָט די וועקסלען זשירירט אַ געוויסער ה׳ מ. ציטרין. ווען דער מאַנטעל איז פערטיג געוואָרען האָט ה׳ וואָלף מיר געזאָלט צוצאָהלען די רעשט 60 זל. מזומן. דערווייל איז ער אַרויסגעפאָהרען קיין נאָוואָ-פּאָמאָרשע. אַזוי ווי די וועקסלען זענען געווען אויס-געשטעלט צאָהלבאַר אין לאָדז און דער זשיראַנט האָט צוריקגעצויגען זיין זשיראָ, האָב איך פערלאַנגט מזומן און בין גרייט געווען צו בעצאָהלען די העכסטע דיס-קאָנטאָ. אויף דעם איז ה׳ וואָלף נישט איינגעגאַנגען און געלאָזט ביי מיר הענ-גען דעם מאַנטעל ביז היינט.

די אונפערשעמטע „אויפאָדערונג“ פון אַזאַ פערזענליכקייט ווי ס׳איז ה׳ ראובן וואָלף וועט מיר זיכער נישט שעדיגען מיין רענאָמע, ווייל די אַלע וואָס האָבען מיט מיר געהאַנדעלט און זענען געקומען מיט מיר אין געשעפטליכער פערבינדונג, ווייסען ווי רעיעל און ערליך איך האַנדעל און פיהר אויס מיינע בעשטעלונגען און פערפליכטונגען. בעמערקונג: די פּראָטעסטירטע וועקסלען פון ראובן וואָלף וועל איך אָפּגעבען נאָר דאַן, ווען עס וועט מיר בעצאָהלט ווערען דער שאָדען פאַר דעם אויסגעפערטיגטען געגענשטאַנד.

מיט אכטונג
הערש שמולעוויטש, לאָדז, אַל. 1 מאַי 41.

אכטונג, פערזיכערונגס=אַגענטען און אינספּעקטאָרען!

דער צייטווייליגער אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיטעט פון פערזיכערונגס-אַגענטען און אינספּעקטאָרען בעט אַלע קאָלעגען צו קומען אויף דער

גרינדונגס=פערזאַמלונג,

וואָס קומט פאָר שבת, ד. 21-טען אַפּריל, 4 נאָכמ. אין לאָדז, זאַכאָדניאַ 26 אין בערלינער זאַל.

דער ציל פון דער פערזאַמלונג איז צו גרינדען אַ פעראיין פון פערזיכערונגס-אַגענטען און אינספּעקטאָרען.

643

„נייער פאָלקסבלאַט"

לאָדז. 17 אַפּריל 1928.

לאָדז. 17 אַפּריל 1928.

דער ביראָ-בידזשאַנער פּלאַן.
ווי אַזוי בעציהט מען זיך צו איהם אין רוסלאַנד.

(קאָרעספּאָנדענץ פון מאָסקווע).

—„וואָס רעדט מען ביי איך, וועגן אונזער ביראָ־בידזשאַנער פּלאַן?"...

דאָס איז די ערשטע פראַגע, וואָס מען פרעגט איצט אין מאָסקווער יודישע געזעלשאַפטליכע קרייזען איינעם, וואָס קומט אָן אַהין.

און די דאָזיגע פראַגע ווערט געשטעלט גראָדע נישט בלויז אין די קרייזען, וואָס זענען פעראינטערעסירט מיט דער יודישער קאָלאָניזאַציע, נאָר אויך דורך סתם יודען פון אַ גאַנץ יאָהר.

אין מאָסקווע גופא, און אויך איבער גאַנץ רוסלאַנד, איז די פראַגע קלאָהר. עס איז דער פעסטער בעשלוס פון די יודישע קאָלאָניזאַציע־זאַציע־טוער אין רוסלאַנד אָנצופאַנגען די יודישע קאָלאָניזאַציע אין סיביר נאָך היינטיגען זומער. עס איז דער פעסטער בעשלוס פון דערווייל 3000 יודישע פאַמיליעס אויסצוואַנדערן קיין ביראָ־בידזשאַן אַזוי שנעל, ווי מען וועט זיי דערויף בעזאָרגען מיט מיטלען.

אָבער צווישען מאָסקווע און ניו־יאָרק ליגט אַ ברייטער ים נישט בלויז אַ וואַסערדיגער, נאָר אויך אַ פּאָליטישער, און ווייסען ווייס מען אין מאָסקווע, אַז די יודען אין אַמעריקאַ האָבען יאָ אַן אינטערעס אין דער יודישער ערד־איינאָרדנונג, וואָס קומט פאָר אין רוסלאַנד, וויל מען טאַקע דערפאַר איצט דאָ אויך ווייסען, וואָס פאַר אַן אָפּקלאַנג דער פּלאַן צו בעזעצען יודען אין סיביר האָט געפונען אין אַמעריקאַ.

עס וועט זיין אַ טעות צו מיינען, אַז די יודישע קאָלאָניזאַציע אין ביראָ־בידזשאַן וועט נישט דורכגעפיהרט ווערען, אויב די יודען פון אַמעריקאַ וועלען זיך נישט אָפּרופען אויף איהר ווי געהעריג. קורצע געשפּרעכען, וואָס איך האָב געהאַט דאָ מיט די פיהרער פון „געזערד", „קאָמזעט" און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט יודישער קאָלאָניזאַציע, האָבען מיך איבערצייגט, אַז דער ביראָ־בידזשאַנער פּלאַן וועט פערווירקליכט ווערען, אפילו אויב אין אויסלאַנד זאָלען זיך געפינען יודען, וואָס וועלען זיך בעציהען קאַלט, אָדער גלייכגילטיג, אָדער אפילו געגנעריש צו איהם. דער ביראָ־בידזשאַנער פּלאַן איז איצט געוואָרען דער צענטער פון דער טעטיגקייט, וואָס דער „געזערד"־קאָמיטעט פיהרט אָן אין רוסלאַנד. אַרום דעם דאָזיגען פּלאַן ווערט איצט שוין בעצייטענס אָנגעפיהרט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע אין אַלע טיילען פון סאָוויעטען־פערבאַנד. עס ווערען אַרום איהם קאָנצענטרירט די שטאַרקסטע קרעפטען פון „געזערד", און עס איז אַ זיכערע זאַך, אַז די סיבירער יודישע קאָלאָניזאַציע וועט דורכגעפיהרט ווערען מיט אָדער אָהן דער הילף פון דעם אַמעריקאַנער יודענטום.

דער „געזערד" — דאָס איז אַן אָרגאַניזאַציע, ענליך צום אַמעריקאַנער „דזשאָינט". דאָס, וואָס דער „דזשאָינט" טוט אין אַמעריקאַ צווישען די אַמעריקאַנער יודען, טוט דער „געזערד" אין רוסלאַנד צווישען די רוסישע יודען. אין יעדער שטאָט און שטעטעל פון סאָוויעטען־פערבאַנד זענען פאַראַן קאָמיטעטען פון „געזערד", וואָס זאַמלען פאָנדען פאַר דער יודישער קאָלאָניזאַציע־אַרבייט. די געזאַמעלטע פאָנדען פון „געזערד" קענען, נאַטירליך, זיך נישט פערגלייכען מיט די פאָנדען, וואָס עס זאַמעלט דער „דזשאָינט", ווייל די בייסטייערונגען פון אַ יודען אין רוסלאַנד קענען נישט זיין אַזוי גרויס, ווי די בייסטייערונגען פון יודען אין אַמעריקאַ, דערפאַר אָבער קריגט דער „געזערד" בערייטערע פינאַנציעלע שטיצע פון דעם „קאָמזעט", וואָס איז דער רעגירונגס־קאָמיטעט צו העלפען יודען זיך בעזעצען אויף ערד.

איצט, ווי געזאָגט, האָט זיך דער „געזערד" איינגאַנצען אַריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט פאַר ביראָ־בידזשאַן. עס איז די אויפריכטיגע מיינונג פון אַלע טוער פון „געזערד", אַז ביראָ־בידזשאַן קען פערוואַנדעלט ווערען אין אַ זעלבסטשטענדיגער יודישער מדינה, און קען טאַקע ווערען אַ פּלאַץ, וואו יודען זאָלען זיך קענען עקאָנאָמיש גוט איינאָרדנען...

אַזאַ איז די מיינונג פון די „געזערד"־טוער, וואָס־זשע דענקען אָבער די ברייטע יודישע מאַסען אין רוסלאַנד וועגען דעם ביראָ־בידזשאַנער פּלאַן? האָבען זיי ברעה אויסצוואַנדערען קיין סיביר, אָדער נישט? אַפּעלירט צו זיי די איבערוואַנדערונג אין דעם ווייטען אמור־געגענד, אָדער איז עס ליבער פאַר זיי צו בלייבען אין די אַלטע איינגעזעסענע שטעטלעך?

אַן ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע איז דער פאַקט, אַז שוין איצט, נאָך איידער דער ביראָ־בידזשאַנער פּלאַן פאַנגט אָן דורכגעפיהרט צו ווערען, האָבען נאָהענט צו דריי טויזענד יודישע פאַמיליעס זיך רעגיסטרירט אַהין צו פאָהרען.

ביי די איצטיגע אומשטענדען אין רוסלאַנד, ווען די לאַגע פון דעם שטעטעל ווערט וואָס ווייטער אַלץ ערגער, זענען יודען נישט בלויז צופרידען צו פאָהרען, זיי זענען גרייט אויסצוואַנדערען, וואוהין מען וועט זיי פיהרען, אַבי זיי זאָלען קענען ערגעץ וואו זיך איינאָרדנען. עס איז אין רוסלאַנד שוין איצט פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז די לאַגע פון דעם יוד אין דעם קליינעם שטעטעל איז זינט דעם לעצטען יאָהר פונקט אַזוי שלעכט, ווי זי איז געווען אין די הונגער־יאָהרען פון 1919. די דאָזיגע לאַגע וועט נאָך ערגער ווערען, אויב די יודען וועלען זיך נישט נעמען צו פּראָדוקטיווער אַרבייט.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען קומט דער ביראָ־בידזשאַנער פּלאַן פונקט אין דער צייט. עס מאַכט נישט אויס, וואָס דער פּלאַן האָט אַ סך חסרונות, עס מאַכט נישט אויס, וואָס ביראָ־בידזשאַנער געגענד גופא ליידט ווינטער פון שטאַרקע פרעסט, זומער פון הויכע היצען, און אין דער צווישען־צייט פון מיאוסע אינזעקטען. די קאַנדידאַטען פאַר דער אויסוואַנדערונג ווייסען וועגען דעם אַלעמען, און דאָך זענען זיי גרייט אַהין אויסצוואַנדערען. זיי ווייסען, אַז זיי וועט אויסקומען אויסצושטעהן אַ האַרבען און זייער קאַלטען ווינטער מיט פערציג־גראַדיגע פרעסט; זיי ווייסען, אַז זומער־צייט וועלען זיי האָבען היצען פון קאַרגע פערציג גראַד; זיי ווייסען אויך אַז די רעגענס, וואָס פאַלען דאָרט אין יולי און אין אויגוסט, זענען אַזעלכע, אַז מען קען דאַן כמעט פון שטוב נישט אַרויס; זיי איז אויך גוט בעוואוסט דער פאַקט, אַז געוויסע מאָנאַטען אין יאָהר ליידט דער געגענד פון אַזעלכע פליגען, וואָס קענען אויפעסען אַ פערד לעבעדיגערהייט, און אַז קיין לעבעדיגע בעשעפעניש קען דאַן אָהן אַ מאַסקע איבערן פנים פון הויז זיך נישט ווייזען. דאָס אַלץ ווייסען זיי ,די צוקונפטיגע יודישע קאָלאָניסטען פון ביראָ־בידזשאַן, און פונדעסטוועגען שטעלט עס זיי נישט אָפּ פון אויסוואַנדערען אַהין. וואָס קומט אַרויס, אַז אין שטעטעל זענען קיין פערפעסטעטע פליגען נישטאָ, ווען מען שטאַרבט דאָרט איצט סיי ווי סיי פון הונגער? אַמוועניגסטען איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז אין דעם נייעם געגענד וועט מען פריהער אָדער שפּעטער פון די פליגען פּטור ווערען. אין דער צייט, ווען עס איז נישטאָ קיין שום האָפענונג, אַז די לאַגע אין דעם איצטיגען יודישען דורכשניטליכען שטעטעל וועט זיך אַמאָל פערבעסערען.

די פראַגע, אויב יודען וועלען פאָהרען קיין סיביר, זיך דאָרט קאָלאָניזירען, איז דערפאַר איינגאַנצען איבעריג. זיי וועלען פאָהרען, און וואָס אַ יאָהר — אַלץ אין אַ גרעסערער צאָהל. מען דאַרף נישט פערגעסען, אַז וואָס מעהר דאָס לאַנד ווערט בעזעצט, און די ערד אויפגעאַקערט, אַלץ בעסער ווערען דאָרט די אומשטענדען פון לעבען. די פליגען, פאַר וועלכע אַ סך שרעקען זיך, וועלען, לויט דער פערזיכערונג פון עקספּערטען, פערשוואונדען ווערען אַזוי שנעל, ווי די ערד וועט דאָרט גוט צואַקערט ווערען. צו קעלט און צו היץ קען מען זיך צופּאַסען, דער עיקר איז די צוקונפט. ווען אַ יוד האַלט ביי רעגיסטרירען זיך צו פאָהרען קיין סיביר, ווייס ער, אַז קיין האָניג וועט ער דאָרטען די ערשטע צייט נישט לעקען. ער האָט אָבער אַ גלויבען, אַז אין אַ דריי — פיער יאָהר אַרום וועט ער אַלע צרות איבערקומען, און דער דאָזיגער גלויבען איז אַ בעגרינדעטער, לויט די פערזיכערונגען פון עקספּערטען, וואָס האַלטען, אַז די ערד אין דעם נייעם געגענד איז נישט בלויז גוט פאַר תבואה, נאָר ענטהאַלט אויך אין זיך נאַטירליכע אוצרות, אַזעלכע ווי: אייזען, גאָלד, שטיינקוילען און אַנדערע.

———

פאַרוואָס זשע איז ד"ר ראָזען, דער פאָרשטעהער פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט" אין רוסלאַנד, נישט בעגייסטערט פאַר דעם סיבירער קאָלאָניזאַציע־פּלאַן? ער, דער פאָטער פון יודישער קאָלאָניזאַציע אין קרים און אוקראַינע, פאַרוואָס איז ער אַזוי גלייכגילטיג צו דעם פּלאַן פון אַ יודישער מדינה אויף די ברעגען פון טייך אַמור?...

אין אַ געשפּרעך, וואָס איך האָב דאָ מיט איהם געהאַט בנוגע דעם דאָזיגען ענין, האָט ד"ר ראָזען פאַר מיר קלאָהר געמאַכט זיין שטאַנדפּונקט אויף פאָלגענדען אופן:

— „איך בין נישט פאַר דער סיבירער יודישער קאָלאָניזאַציע און נישט געגען איהר צוליב צוויי זאַכען: ערשטענס, האַלט איך, אַז מען האָט די טעריטאָריע אין סיביר נישט גענוג גוט אויסגעפאָרשט, און צווייטענס, קען מען נאָך היינט צו טאָג קאָלאָניזירען אַרום צוואַנציג טויזענד יודישע פאַמיליעס אין קרים, וואו די ערד איז לכל הדעות בעסער, ווי אין דער געפּלאַנטער טעריטאָריע אין סיביר".

און ד"ר ראָזען האָט מיר דערקלערט, אַז די פּערספּעקטיווע פון האָבען אַ זעלבסטשטענדיגע יודישע מדינה אין סיביר, איז אַ גאַנץ גוטע, אָבער אַז אַזאַ אָרגאַניזאַציע, ווי דער „דזשאָינט", זאָל אַריינלעגען געלד און קולטיווירען אַ יודישע מדינה אין סיביר, אין דער צייט, ווען מען קען דאָס געלד אויסנוצען צו קאָלאָניזירען יודען אין קרים, דאָס איז שוין אַ פראַגע, איבער וועלכער מען דאַרף זיך ערנסט פערטראַכטען.

ד"ר ראָזען האָט אויך דעם גלויבען, אַז די אינזעקטען אין ביראָ־בידזשאַנער געגענט וועלען, מעגליך, פערשוואונדען ווערען, נאָכדעם, ווי די ערד דאָרט וועט זעקס־זיבען יאָהר זיין צואַקערט, און ער לויבט גראָדע די סאָוויעטישע רעגירונג פאַר איהר פּרובען צו קאָלאָניזירען יודען אין סיביר אויף אַ ברייטען מאַסשטאַב. ער האַלט אָבער, אַז דער „דזשאָינט" האָט נאָך פאַר זיך גענוג אַרבייט אין די אַלטע קאָלאָניעס און טאָר דערפאַר זיך אין דעם נייעם סיבירער פּראָיעקט נישט אַריינלאָזען.

„צוליב דער פערערגערטער לאַגע אין שטעטעל, איז דער דרוק פון נייע קאַנדידאַטען, וואָס ווילען ווערען קאָלאָניסטען, איצט אַזוי גרויס, אַז מיר קענען קוים בעפרידיגען יענע, וועמען מיר האָבען רעגיסטרירט צו קאָלאָניזירען אין קרים, היינט ווי קענען מיר נאָך רעדען וועגען בעטייליגען זיך אין דעם סיבירער פּלאַן?" — האָט מיר ד"ר ראָזען געזאָגט.

פון ד"ר ראָזענס ערקלערונג איז צו זעהען, אַז די דורכפיהרונג פון דעם קאָלאָניזאַציע־פּלאַן אין סיביר וועט דערפאַר פאַלען איינגאַנצען אויף די פּלייצעס פון דער „געזערד", נו, שרעקט זיך נישט דער „געזערד" צו טאָן די אַרבייט אַליין. ער האָט הינטער זיך סיי די שטיצע פון די סאָוויעטישע אָרגאַנען, סיי דעם סענטימענט פון די ברייטע יודישע מאַסען אין רוסלאַנד גופא. עס איז אָבער עכט־וויכטיג פאַר איהם צו האָבען אויך די מאָראַלישע און מאַטעריעלע מיטהילף פון די יודען אין אויסלאַנד.

ב. סמאָליאַר.

די ביבעל ווערט פערשפּרייט אין 605 פערשידענע שפּראַכען.

ירושלים, 15 (יט"א טעלעגראַפיש) אין עזה איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע פון די מוזולמענער געגען דער אינטערנאַציאָנאַלער מיסיאָנערען קאָנפערענץ, וואָס קומט איצט פאָר אין ירושלים. פּאָליציי האָט זיך אַריינגעמישט און געשאָסען, ס'זענען דאָ 2 פערוואונדעטע. די אָרדנונג איז צוריקגעשטעלט געוואָרען.

ירושלים 15 (י.ט.א. טעלעגראַפיש) דער ענגליקאַנישער בישאָף האָט אין זיין רעדע אויף דער חנוכת הבית פון דעם ביבעל הויז פון דער בריטישער געזעלשאַפט ערקלערט, אַז די ביבעל ווערט דורך דער בריטישער מיסיאָנערען געזעלשאַפט פערשפּרייט אין 605 פערשידענע שפּראַכען.

אויף דער פייערונג האָבען גערעדט לעדי פּלומער, די פרוי פון לאָרד פּלומער א. אנד.

די בוי־קאָסטען פון'ם הויז האָבען בעטראָפען 10 טויזענט פונט שטערלינג.

Dr. med. URYSON

ספּעציאַל־אַרצט

פאַר אינערליכע קראַנקהייטען

קאָנסטאַנטינער 20, טעל. 35-85.

נעהמט אָן פון 3–5 נאָכמיטאָג. 882

אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטס־ביוראָ וועט שטיצען דעם אויפבוי אין א"י.

ירושלים, 16. (יט"א טעלעגראַפיש). דער פאָרשטעהער פון אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטס־ביוראָ ביי דער פעלקער־ליגע ה' לינשאַו, ווייַלט איצט אין ארץ ישראל.

ה' לינשאַו האָט ערקלערט, אַז ער און אויך דער פאָרזיצער פון אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטס ביוראָ ה' אַלבער טאָמאַ וועלען ביי יעדער געלעגענהייט שטיצען דאָס אויפבוי־ווערק אין ארץ ישראל.

אויספאָרשונג וועגען אַ פּאָגראָם וואָס איז פאָרגעקומען מיט 10 יאָהר צוריק.

פּראָג, (י. ט. א.) די טעג איז אַרויס פון תפיסה איינער פון די אַנטיילנעהמער אין פּאָגראָם אויף יודען אין שטעטעל האָלעסאַוו אין מעהרען, וואָס איז פאָרגעקומען מיט 10 יאָהר צוריק. דער בעפרייטער אַרעסטאַנט האָט איצט געמאָלדען דער מאַכט, אַז ער קען אָנווייזען אויף פיל אָנגעזעהענע איינוואוינער פון שטעטעל, וואָס האָבען זיך צוזאַמען מיט איהם בעטייליגט אין דעם פּאָגראָם. וועגען דעם ענין איז פאָראָרדענט געוואָרען אַן אויספאָרשונג.

די יודישע שטים
וועגען דער אימיגראַנטען־פראַגע

די אימיגראַציע־פראַגע, וואָס געהט נישט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדנונג פון אַמעריקאַנער קאָנגרעס שוין אַזאַ לאַנגע צייט, האָט אַלץ נאָך נישט פערלוירען איהר שאַרפקייט, ווייל זי בלייבט אַלץ נאָך ביי איהר וויכטיגקייט. בילס אויף בילס זענען אָנגעהויפט שוין בנוגע דער פראַגע. פּראָיעקטען אויף פּראָיעקטען. אַלע גלייך זענען איינגעהילט אין גרויען — נישט אַרויסצוזעהן פון זיי קיין איינציגען פונק האָפענונג. און אַרום די בילס האָבען זיך קאָנצענטרירט פערשידענע שטימען פון מענשען און גרופּען, וואָס שטעהען אויסער דעם קאָנגרעס. „שטימען פון פאָלק" — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען. אָבער אין דעם פאַל איז די „שטים" פון פאָלק נישט געגליכען צו דער שטים פון גוטען גאָט, נאָר צו דער שטים פון בייזען טייוועל. וואָרום פון אַלע שטימען לאָזט זיך הערען איין קול:

— דער עמיגראַנט בלייבט דרויסען!

אפילו קינדער פון אימיגראַנטען שפּאַרען־אונטער די פערמאַכטע טירען; אפילו נעכטיגע אימיגראַנטען גופא פאָדערען: נישט אַרויפצולאָזען דעם אימיגראַנט אויפ'ן שוועל. גלייך ווי אַלע וואָלטען זייער זכרון פערלוירען. גלייך ווי קיינער געדענקט נישט מעהר, פון וואַנען ער אַליין אָדער זיינע עלטערן זענען דאָ אַריבערגעקומען.

איצט איז געקומען די רייהע פאַר דער יודישער שטים געהערט צו ווערען אין דער אַנגעלעגענהייט. אַ דעלעגאַציע פון „אינדעפּענדענט אָרדען ברית אברהם" איז געפאָהרען קיין וואַשינגטאָן, וואו זי איז אויפגעטראָטען פאַר די געהעריגע אינסטאַנצען. לויט דער מעלדונג, האָט די יודישע שטים געזאָלט שטיצען די בילס, וואָס בעצוועקען צו מילדערען אַביסעל די גרויזאַמקייט פון די אימיגראַציע־געזעצען. אויך די דאָזיגע בילס קומען פון דער יודישער זייט, די גרויסע מעהרהייט על כל פנים. און עס איז גוט, וואָס די אימיגראַציאָנס־קאָמיסיע האָט זיך פּעראינטערעסירט אויסצוהערען אויך די יודישע שטים וועגען דער בלוטיגער אַנגעלעגענהייט.

צי וועלען די יודישע שטימען ענדערען דעם שיקזאַל פון די, וואָס שטעהען מיט אָנגעגורטע לענדען, מיט'ן שטעקען אין האַנד און מיט די פּעקלעך צרות אויף די פּלייצעס און מוזען אָנהויבען צו וואַנדערען? צי וועלען זיי זיין בכח צו ווירקען אויף דער אימיגראַציע־פּאָליטיק פון דער רעגירונג און פון גאָר אַ גרויסען טייל פון פאָלק, און זי ענדערען צום בעסערען? האָפען מעג מען. אָבער אָנהאַלטען אומבעגרענ'צטע האָפענונגען איז קודם כל, נישט קלוג...

אָבער נישט קוקענדיג אויף דעם מעגליכען נוצען, וואָס די יודישע שטים אין וואַשינגטאָן קאָן ברענגען, איז עס בעזונדערס גוט, וואָס זי וועט געהערט ווערען. אין דעם גאַנצען, גרויסען כאָר פון אימיגראַנטען־פיינדליכע שטימען, זאָל געהערט ווערען אויך אַן אימיגראַנטען־פריינדליכע שטים. עס וועט זיין אַ גענוגטואונג פאַר אונז — וואָס די פריינדליכע שטים איז געהערט געוואָרען פון יודישער זייט, און עס וועט זיין אַ כבוד פאַר אַמעריקאַ — וואָס ביי דער גרויסער פרעמדען־העצע, וואָס פערטויבט דאָס לאַנד, געפינען זיך דאָך נאָך שטימען אין לאַנד, וואָס לאָזען זיך נישט פערפיהרען פון דער העצע געגען פרעמדע...

ט.

———:o:———

אויספאָרשונג וועגען אַנטיסעמיטיזם אין מאָסקווער מלוכה־טעאַטער.

מאָסקווע, (י.ט.א.) אין צוזאַמענהאַנג מיט די ענטדעקטע אַנטיסעמיטישע מעשים, וועלכע קומען פאָר אין מאָסקווער דריטען מלוכה־טעאַטער, איז בעשטימט געוואָרען אַ ספּעציעלע רעגירונגס־קאָמיסיע מיט דער אויפגאַבע אויסצופאָרשען די אָנקלאַגען, וואָס די מאָסקווער צייטונגען האָבען געבראַכט געגען דעם הויפּט־דיריזשאָר פון טעאַטער גאַלאָוואַנאָוו, וועלכער ווערט בעשולדיגט אין טרייבען אַ יודישען פידעל־שפּילער צו זעלבסטמאָרד און אויך אין אַ רייהע אַנדערע אַנטיסעמיטישע הינטער־קוליסען־אַרויסטרעטונגען. אַ צווייטע קאָמיסיע מיט די זעלבע אויפגאַבען איז אויך בעשטימט געוואָרען דורך דעם צענטראַלען־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען אין מאָסקווע.

ל א ד ז
17 אפריל 1928

דאס לאדזער לעבען

ל א ד ז
17 אפריל 1928

17 דינסטאג כז ניסן תרפ"ח	אפריל זון-אויפגאנג 5.48 זון-אונטערגאנג 5.45 ליכט פון

אומזאַץ-שטייער.

(ב) די פינאַנץ-מאַכט טיילט מיט, אַז די נאָ-קאַזען אויף אומזאַץ-שטייער פאַר'ן יאָהר 1927 זענען אַרויסגעשיקט געוואָרען צו די שטייער-צאָה-לער, וועלכע די שטייער-סומע איז שוין בעשטימט געוואָרען.

אין די שולען.

(אב) נעכטען האָבען זיך נאָך די פסח-פעריען אָנגעהויבען די נאָרמאַלע למודים אין די היגע שולען.

„אוזדראָוויסקא".

די איינשרייבונגען פון פרויען אויפ'ן דריטען סעזאָן קיין „אוזדראָוויסקאָ" קומט פאַר מיטוואָך ד. 18. אַפריל 1928, 3 אַ זייגער נאָכמיטאָג.

די קאַנדידאַטקעס דאַרפען קומען אין קאַנצע-לאַריע, ציגעל-גאַס 57 מיט אַ פאַס.

פון וו. י. ז. א.

(—) צוליב דעם צוזאַמענפאָהר פון וו. י. ז. א. וועלכע האָט געדאַרפט פאָרקומען אין וואַרשאָ, איז די פאָרלעזונג פון ד"ר באַלאַבאַן אָבגעלעגט געוואָ-רען. וועגען טערמין פון דער פאָרלעזונג וועט בע-זונדערס מיטגעטיילט ווערען.

מאָרגען, מיטוואָך, וועט אין קלוב פאָרקומען דער אָרדענטליכער טיי-אָוועגד, בעת וועלכען פראָפ. ריגער וועט האַלטען אַן'אינטערעסאַנטען רעפעראַט אויף ד. ט. „אַלטע און נייע ערציהונג".

פון דער אסטראָווצער ישיבה.

אין שטיבעל פון פאָלנאַצנאַ 5 איז געגרינ-דעט געוואָרען אַ ישיבה אויפ'ן נאָמען פון אָסטראָוו-צער רבי'ן ז"ל. אַלס גרונד-קאַפיטאַל אויף דער ישיבה איז אויפ'ן אָרט געזאַמעלט געוואָרען 1000 זל. דעם קומענדיגען זונטאָג וועלען זיך אָנהויבען די לימודים.

אין ועד-הישיבה זענען אַריין: הרב ראָזענ-בערג, הרב ראָזענשטיין, הרב קירשענבוים, יעקב סילמאַן, פ. קאָהן, י. לאַנדוי, מ. זאַלצבערג, מ. רייז, ב. שידלער, פישל ראַדזינער, אַ רעכטמאַן, דוד גלאָמבינסקי, מ. וויינאַכט.

פון געריכט.

פאַר שמוגלען טאַבאַק.

(אב) אין קרייז-געריכט איז נעכטען פאָרגע-קומען דער פראָצעס געגען חיים אַלעמביק און סטאַניסלאַוו טאָנזל, וועלכע זענען בעשולדיגט גע-וואָרען אין שמוגלען טאַבאַק פון דייטשלאַנד קיין לאָדז.

דאָס געריכט האָט די אָנגעקלאָגטע אַנערקענט פאַר שולדיג און זיי פער'משפט צו 4 חדשים טור-מע יעדען אָדער בעצאָהלען צו 3000 זל. שטראָף.

עס וועט אָפהילכען אין געריכט.

אַ שאַרפער אינצידענט אויף אַ זיצונג פון בודזשעט-קאָמיסיע.

(מ) בעת די דעבאַטען אויף דער זיצונג פון דער בודזשעט-קאָמיסיע ביים שטאָט-ראַט איז גע-קומען צו אַ העפטיגען אינצידענט צווישען דעם ג.פ.ר.ישען ראַטמאַן וואָיעוואָדזקי און די ראַטמע-נער פון דער דייטשער אַרבייטס-פאַרטיי.

ס'האָט זיך נעמליך געהאַנדעלט וועגען פאָל-גענדען ענין. בעת מ'האָט בעטראַכט די סובסידיע פאַר אַן'אינסטיטוציע פון דער דייטשער אַרבייטס-פאַרטיי, האָט ראַטמ. וואָיעוואָדזקי ערקלערט, אַז די דאָזיגע אינסטיטוציע דאַרף נישט בעקומען קיין סובסידיע, ווייל זי בעקומט אונטערשטיצונגען פון אויסלאַנד.

לאַווניק קוק און ראַטמאַן קלים האָבען דע-רויף ערקלערט, אַז זיי ווילען נישט פאָלעמיזירען מיט ראַטמ. וואָיעוואָדזקי, נאָר זיי ווילען דעם ענין איבערגעבען אין געריכט. ראַטמ. וואָיעוואָדזקי האָט זיך אַפילו געפרובט פערטיידיגען, אָבער ראַטמ. קלים האָט עס געהאַלטען פאַר נישט גענו-גענד און איז געבליבען ביי זיין בעשלוס, איבער-צוגעבען דעם ענין אין געריכט.

בודזשעט-קאָמיסיע ביים שטאָט-ראַט

אנגענומען דעם בודזשעט אין דער 2. לעזונג.

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער בודזשעט-קאָמיסיע האָט ראַטמאַן מינצבערג אַריינגעטראָגען אַ פאָרשלאַג צו בעשטימען סובסידיעס: פאַר „אוז-דראָוויסקאָ" 8 טויזענד זל. (פאָרגעשלאָגען דורך דער קאָמיסיע 5 טויזענד), פאַר „לינת החולים" — 4 טויזענד זל.; פאַר אונטערגעוואָרפענע קינדער ביי דער יודישער קהלה — 5 טויזענד זל.; פאַר'ן מושב זקנים — 5 טויזענד זל. און פאַר'ן שפיטאַל פאַר גייסטיג-קראַנקע אויף וועסאָלאַ — 5 טויזענד זל. די פאָרשלאַגען זענען נישט אָבגעשטימט גע-וואָרען, ביז דער מאַגיסטראַט וועט נעמען שטע-לונג צו די פאָרשלאַגען.

דער בודזשעט איז אָנגענומען געוואָרען אין דער צווייטער לעזונג אַ חוץ די פאָזיציעס פון דער שול-אָבטיילונג, ווייל לאַווניק קאָפטשינסקי איז נישט אָנוועזענד געווען אויף דער זיצונג. די פאָ-זיציעס פון דער אָבטיילונג וועלען בעטראַכט ווע-רען אויף דער דינסטאָגדיגער זיצונג.

נישט געווען קיין פערטרעטער פון סאָוויעט-רוסלאַנד

אויפ'ן פריידענקער - צוזאמענפאהר.

ווי מיר האָבען בשעתו מיטגעטיילט, זענען אויפ'ן פריידענקער צוזאַמענפאָהר אַרעסטירט געוואָ-רען איינינגע און דרייסיג פערזאָן, פון וועלכע 6 זענען פערהאַלטען געוואָרען. אַ היגע אינפאָרמאַציע-ביוראָ האָט אָנגעגעבען, אַז צווישען די 6 אַרעס-טירטע געפינען זיך פערטרעטער פון סאָוויעט-רוס-לאַנד א. א. וו.

ווי מיר דערוויסען זיך איז די גאַנצע מעשה אַ פרייע פאַנטאַזיע פון דער דאָזיגער ביוראָ. פון די 6 אַרעסטירטע זענען 5 בעפרייט געוואָרען און ס'איז פערבליבען אין אַרעסט בלויז דער פאָרזי-צער פון לאָדזער פריידענקער-פעראיין ה' יאַן האַ-נעמאַן, וועלכער וועט אויך, וואַהרשיינליך די טעג בעפרייט ווערען.

א מארד-פראצעס.

4 יאָהר תפיסה פאר א מארד.

אין קרייז-געריכט איז פאָרגעקומען דער פראָ-צעס געגען באָלעסלאַוו פורמאַנקיעוויטש, וועלכער ווערט בעשולדיגט אין ערמאָרדען אויף קוניצערס-גאַס, אין דער נאַכט פון ווייגאַכטען דעם אַרביי-טער העליאָדאָר טשערניק.

דער הויפט-עדות — סטעפאַן קולעשקא דער-צעהלט וועגען דעם פערברעכען פאָלגענדעס:

אין דער ווייגאַכטס נאַכט איז ער מיט טשער-ניקען געגאַנגען אַ היים פון „קאָשטשיאָל". פלוצים זענען אויף זיי אָנגעפאַלען צוויי יונגעלייט און איינער פון זיי האָט אָנגעכאַפט טשערניק'ן ביי דער האַנד און אויסגעשריגען:

— איך האָב דיך ענדליך, איצט וועסטו שוין נישט ענטלויפען!

טשערניק האָט מיט ערשטוינונג געענטפערט:

— עס איז אַ מיספערשטענדניש, איך קען אייך גאָרנישט...

דער אומבעקאַנטער האָט איהם נישט ער-לויבט ווייטער צו רעדען, ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ מעסער און עס אַריינגעזעצט טשערני-קען אין ברוסט.

דער עדות קולעשקא האָט געוואָלט דעם מער-דער פערהאַלטען, עס האָט זיך איהם דאָס נישט איינגעגעבען. קולעשקא האָט אַלאַרמירט די פאָלי-ציי און פאַגאַטאָוויע. דער שטערבליך פערוואונדע-טער טשערניק איז אין שפיטאָל געשטאָרבען.

דעם פערברעכער האָט די פאָליציי אָפגעזוכט און אַרעסטירט אין אַ טאָג אַרום

אין דעם בעשולדיגטען דערקענט דער עדות קולעשקא דעם פערברעכער.

דאָס געריכט האָט פערמשפט דעם בעשולדיג-טען באָלעסלאַוו פורמאַנקעוויטש אויף 4 יאָהר תפיסה.

——:0:——

הייגט דינסטאג—2 פאָרשטעלונגען:
אָנהויב 8 און 10.15 אָוונד
אין „פילהארמאניע-זאל"
20 נאַרוטאָוויטשאַ 20.
עס ווערט געגעבען אַ רעווי
„ארט
אין
פילהארמאניע"
12 בעסטע נומערן פון 5 פראָגראַמען.
די הכנסה לטובת דער קימפעטאָרין-קליניק, פאָלודניאָוואַ 19.

פערד-קאָנטראָלעס.

(—) נעכטען מאָנטאָג האָבען זיך אָנגעהויבען די קאָנטראָלעס פון פערד וואָס זענען געבוירען אין 1924 י. און פריהער.

פערד-בעזיצער, וועלכע וואוינען אין ערשטען פאָליציי קאָמיסאַריאַט און וואָס זייערע פאַמיליען-נעמען הויבען זיך אָן אויף G. H. CH. I. J. Ka ביז Ki. דאַרפען היינט, 8 אַ זייגער אינדערפריה זיך צושטעלען מיט די פערד אויפ'ן פלאַץ ביי נאַרוטאָוויטש רוג טראַמוואַיאָווא.

מאָרגען מיטוואָך, ד. 18 דאַרפען זיך מיט די פערד צושטעלען אויפ'ן זעלבען אָרט די איינוואוי-נער פון 1 פאָליציי קאָמיסאַריאַט מיט די פאַמיל-יען-נעמען אויף Kl—Kz. L. Ł. M. N. און O,

סטעמפעל-מאַרקען.

(מ) די פינאַנץ-מאַכט האָט פעראָרדענט, אַז אויף אַלע ערטער, וואו ס'ווערען פע-קויפט שטעמ-פעל-מאַרקען זאָלען אַרויסגעהאָנגען ווערען ערקלע-רונגען וועגען דעם, אַז צו דעם נאָמינעלען פרייז פון די שטעמפעל-מאַרקען ווערען צוגערעכענט נאָך 10 פראָצענט.

א פאטער ווארפט אוועק זיין 3-יעהריג קינד.

א פאר-פאלק צוקריגט זיך, ווארפען זיי אוועק זייער קינד. -- דאס פאר-פאלק האט זיך איבערגעבעטען, זוכען זיי אויס זייער אַוועקגעווארפען קינד.

א מיט עטליכע חדשים צוריק האָבען מיר גע-בראַכט אַ נאָטיץ וועגען דעם, אַז אין לאָקאַל פון דער יודישער קהלה האָט אימיצער איבערגעלאָזען אַ 3-יעהריג קינד און זיך מעהר וועגען דעם קינד נישט געמעלדעט. ד' קהלה-פערוואַלטונג האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי צונעהמען דאָס קינד און עס אַוועקגעבען צו ערציהען.

איז דאָס דאָך אַ טאָג-טעגליכע געשיכטע אין דער קהלה, איז קיינער דערפון נישט איבעראַשט געוואָרען, עס זענען אַוועק עטליכע חדשים, דאָס קינד האָט זיך געפונען ביי אַ יודישער פרוי, די ערשטע צייטען, האָט דאָס קינד שטאַרק געבענקט און נישט אויפגעהערט צו רופען טאַטע, מאַמע, אָבער איינציגוויז האָט זיך דאָס פיצעלע קינד צו-געוואוינט צו זיין נייער לאַגע און רוהיגער געוואָ-רען, דער אומשטאַנד אָבער, וואָס דאָס קינד האָט גערופען, אי נאָך דעם פאָטער און אי נאָך דער מוטער, האָט איבערצייגט, אַז דאָס קינד איז אונטער געוואָרפען געוואָרען פון אַ פאַמיליע, וואו ס'איז געווען אַ פאָטער מיט אַ מוטער. אַלע בעמיהונגען אָבער אויסצוגעפינען די עלטערען פון דעם קינד האָבען נישט געגעבען קיין רעזולטאַטען.

נעכטען איז אין גמינע-לאָקאַל געקומען אַ יונגערמאַן צוזאַמען מיט אַ יונגער פרוי און האָבען ערקלערט, אַז מיט עטליכע חדשים צוריק איז דער יונגערמאַן געקומען אין גמינע-לאָקאַל מיט זיין איינען 3-יעהריג יונגעלע, ווען קיינער האָט נישט בעמערקט, האָט ער דאָס קינד איבערגעלאָזען און איז אַליין אַוועק. איצט איז ער געקומען, צוזאַמען מיט זיין פרוי, און צוויי עדות און פערלאַנגט, אַז די קהלה זאָל איהם צוריקגעבען זיין קינד. [illegible] קהלה האָט מען אָנגעהויבען נאָכטראַכטען, וועל-כעס קינד דאָס איז און מען איז גלייך געוואויר געוואָרען, ה' יעקב ראָזענצווייג איז אַוועק צו דער ערציהערין פונ'ם קינד און עס געבראַכט אין קהלה, דאָ האָט זיך אָפגעשפילט אַ אונבעשרייב-ליכע סצענע: דאָס קינד איז מיט אַ משוגה'דיגע פרייד-געשריי אַרויפגעפאַלען אויף דער מוטער, די יונגע פרוי האָט גע'חלשט און דער מאַן איז געזעסען איינגעבראָכען, דאָס פנים און די הענד איז יאָ-מערליך געוויינט. ווען מ'האָט דאָס פאָר'ל בערוהיגט און זיך געלאָזט פרייען אַביסעל מיט זייער קינד, האָט דער יונגערמאַן דערצעהלט פאָלגענדע גע-שיכטע:

ער הייסט א. ק. געבוירען און וואוינט ער-היום אין לאָדז. אַליין איז ער אַ שטריקער און פערדינט גאַנץ פיין אויף זיין חיונה, מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין פרוי, אַ שניירערקע, אַ שעהן, יונג מיידעל. די ערשטע פאַר יאָהר האָט דאָס פאָרפאָלק זעהר גוט געלעבט און האָבען אויך געבוירען אַ שעהן, געראָטען יונ-געלע, דער יונגער פרוי זענען אָבער געווען ווייניג די פערדינסטען פון איהר מאַן, דעם פשוטען אַר-בייטער, זי האָט זיך געוואָלט, וואָס שענער אָנטון און פוצען און דאָס האָט איהר דער מאַן נישט געקענט געבען. אויף דעם באָדען איז געשטערט געוואָרען דאָס שלום-בית צווישען דעם פאָרפאָלק. די יונגע פרוי האָט זיך אָנגעהויבען אַרומצוקוקען וועגען אַ „פושיאַטשעל", וועלכער זאָל אַרויסהעל-פען איהר מאַן מיט קליידער, ציהרונג און אַנדערע זאַכען, די שענע רעגינאַ האָט נישט געדאַרפט לאַנג זוכען און האָט געפונען אַ הערצענס-פריינד, אַ יונגערמאַן פון דער היגער „זלאָטאַ סלאָבאָדשעזש". די ערשטע צייטען האָט זיך רעגינאַ געהיטען פאַר איהר מאַן, אָבער איינציגווייז האָט זיך דער מאַן דער וויסט וועגען איהר בעציהונג צו דעם אַרהאָקאַטער אפליקאַנט ש. און ס'איז געקומען צו שרעקליכע אַוואַנטורעס. די יונגע פרוי, וועלכע איז געווען היים פערליבט אין איהר „פושיאַטשעל" און האָט געהאַט פון איהם מכל טוב, האָט געגעבען פאָרצוג דעם אַפּליקאַנט און אין איין שענעם טאָג איז זי אַוועק פון דערהיים און זיך ערגיץ איבערגעצויגען אין די אַ-פאַרטאַמענטען פון איהר נייעם געליבטען. דער יונ-גערמאַן איז געבליבען איינער אַליין מיט דעם קינד. קיין משפחה האָט ער נישט געהאַט און אַרבייטען האָט ער נישט געקענט געהען, ווייל ער האָט גע-מוזט זיך בעשעפטיגען מיט'ן קינד. אַזוי זענען אַוועק עטליכע וואָכען. א. ק. האָט בשום אופן נישט גע-קענט דערגעהן, וואו זיין פרוי געפינט זיך, ער האָט דעריבער נישט געהאַט קיין אַנדער עצה, איז אַוועק אין דער יודישער קהלה און דאָרט איבערגעלאָזען דאָס קינד, דערביי, דערצעהלט א. ק. האָט ער גענוי נאָכגעפאָרשט, וואו אַהין די קהלה האָט אַוועק געגעבען דאָס קינד און איז גאַנץ אָפט געגאַנגען פון דערווייטענס זעהען, וואָס זיין קינד מאַכט.

דערווייל האָט אונזער אַפליקאַנט חרטה גע-האַט אויפ'ן גאַנצען עסק, רעגינאַ האָט איהם אויפ-געהערט צו געפעהלען, אויך רעגינאַ האָט חרטה געהאַט אויף דעם, וואָס זי האָט געטון, זי האָט שטאַרק געבענקט נאָך איהר איינציג קינד, זעגען וועלכען זי האָט נישט געוואוסט די גאַנצע צייט, זי האָט אויך חרטה געהאַט, וואָס זי האָט אַוועקגע-וואָרפען דעם מאַן, וועלכער האָט זיך אַזוי שטאַרק מקריב געווען פאַר איהר. זי האָט דעריבער געבע-טען איהרס אַ בעקאַנטען, אַז ער זאָל זי צוריק צוזאַמענפיהרען מיט איהר מאַן. דער בעקאַנטער האָט זיך ענערגיש גענומען צו דעם ענין און חול-המועד-פסח האָט זיך דאָס פאָרפאָלק איבערגעבעטען און זיך געשוואוירען אייביגע שלום. נעכטען זע-נען זיי טאַקע געקומען אין קהלה און צוריק אָפגע-נומען זייער קינד.

——:0:——

לאָדזער סוחרים דראָהט ר[ו]אינירט צו ווערען

אויב ס׳וועלען איינגעהאַלטען ווערען די געמאכטע אפשאצונגען פונ׳ם אומזאץ שטייער

דער צענטראלער סוחרים-פעראיין (פּיעטרי-קאָווער 10) בעט אונז צו פּערעפענטליכען פאָלגענ-דען קאָמוניקאט:

אויף א ספּעציעלער פערוואלטונג-זיצונג וואָס איז פאָרגעקומען ד. 15 אפּריל 1928, איז בע-האַנדעלט געוואָרען די לאגע פונ׳ם לאָדזער סוחר-טום וועלכער האַלט ביים רואינירט ווערען צוליב איבערשאצונג פון די אומזאצען פאר 1927. לויט די אינפאָרמאציעס פון די סוחרים האָט די שא-צונגס-קאָמיסיע נישט גענומען אין אכט די ווירק-ליך געמאכטע אומזאצען, נאָר געשטיצט זיך אויף די מאטעריאלען פון אינפאָרמאציאָנס-ביוראָ ביי דער האַנדעלס-קאמער און אויף די טענדענציעזע מיינונגען פון די נישט געוויסענהאפטע קאָנקורענ-טען. דער דאָזיגער ארט אויסמעסטונגען פונ׳ם אומזאץ האָט בע׳עולהט די סוחרים וועלכע זענען אזוי אויך בעלאסטעט מיט שטייערן.

נאָך א לענגערען וכוח האָט די פערוואלטונג בעשלאָסען אויסטיילען א קאָמיסיע, וואָס זאָל אינ-טערוועניר ען ביים פּרעזעס פון האנדעלס-קאמער און ביים פינאַנץ-מיניסטער און זאָל זיי אָנווייזען אויף דער גרויסער עולה, וואָס איז געשעהען דעם לאָדזער סוחרטום און אויף די פאטאלע קאָנסעק-ווענצען, וואָס קענען קומען, אויב די געמאכטע אויסמעסטונגען פונ׳ם אומזאץ-שטייער זאָלען בליי-בען אין קראפט.

די קאָמיסיע וועט אויך צושטעלען דעם נוי-טיגען מאטעריאל און וועט זיך ווענדען צום פי-נאנץ-מיניסטער, אז ער זאָל אויסבעסערן די עולה.

—:O:—

25 יעהריגער יובילײ פון פריזיער-צעך

עהערנכטען איז אין לאָקאל פון פריזיר-צעך (שיענקעוויטש 15) געפייערט געוואָרען דער 25 יעהריגער יובילײ פון צעך פון פריזיער-מייס-טערס.

אין דער פייערונג האָבען אנטייל גענומען דעלעגאטען פון די פריזיער-צעכען פון ווארשא, קראקא, פּויזען, לעמבערג, בידגאשטש, זגיערזש, פאביאניץ א. אנד. עס איז אויך געקומען א דע-לעגאט פון פריזיער-צעך פון וויען.

דעם אויבען-אָן אויף דער פייערונג האָט פער-נומען דער וועלט-בעריהמטער מייסטער פון דער פריזיר-קונסט, דער שעפער פון דער א לא גארסאָן-מאָדע אנטאָני טשערפּליקאָווסקי, א פּאָליאק, וועל-כער איז אין גאנץ איירא̈פּא בעוואוסט אונטער׳ן נאָמען — אנטאָני. ה׳ טשערפּליקאָווסקי איז געקו-מען פון פּאריז קיין לאָדז אין זיין אייגענעם אויטא.

דער צעך אין לאָדז איז געגרינדעט געוואָרען אין יאנואר 1903. אייניגע גרינדער פונ׳ם צעך, די: ה״ה ביטנער, בראוער, קאָלער, שימקאָווסקי, וואינאראווסקי און לוצקי זענען טעטיג אין צעך ביז היינט.

די וועלט-מלחמה האָט אויף א שטיקעל צייט איבערגעריסען די טעטיגקייט פונ׳ם צעך, אָבער שוין אין 1918 בעגייט דער צעך זיין אינטענסיווע ארבייט.

אין 1920 איז געגרינדעט געוואָרען א שולע פאר פעריק-ארבייטער און פאר פּראקטישער פרי-זיר-ארבייט. אין 1927 האָט דער מאגיסטראט די שולע איבערגענומען און עס לערנען זיך אין איהר איצט 120 שילער.

די פייערונג האָט זיך פערענדיגט מיט א באנקעט (אין זאל פון „מאנטייפעל״) אין וועלכען עס האָבען אנטייל גענומען 300 פּערזאָן.

אין דער פערוואלטונג זענען אויך פערטרע-טען יודישע פריזיר-מייסטער.

—:O:—

א ווייב, וואָס האַלט איהר מאן אויפ׳ן אויג

יאן סטאשיאק, א קוטנער איינוואוינער, האָט געוואָלט פערברענגען א פּאָר טעג אין לאָדז. כדי צו בערעכטיגען זיין אָבפאָהרען פון דער היים, אָהן דעם ווייב, האָט ער זיך אָבגערעדט מיט זיינער א לאָדזער „פריינדין״ וועלכע האָט איהם ארויס-גערופען מיט א בריף, אין וועלכען זי מעלדעט איהם, אז זיין שוועסטער, אנ׳אלמנה, איז שטערב-ליך קראנק. סטאשיאק האָט געוויזען דעם בריף זיין ווייב אין האָט בעקומען אנ׳ערלויבניש ארויס-צופאָהרען.

די סטאשיאקאָווא האָט אָבער נישט געהאט קיין גרויסע אמונה אין איהר מאן און באלד ווי ער איז ארויסגעגאנגען פון דער היים, האָט זי זיך אנגעטון און נאכגעפאָהרען איהר מאן קיין לאָדז.

ווי נאָר סטאשיאק איז אנגעקומען קיין לאָדז און ארויס פון וואגאָן, איז ער באלד אריינגעפא-לען אין די אָרעמס פון זיין פערבענקטער „פריינ-דין״ און דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס אזעלכער, אויף וואָס די פערליבטע האָבען זיך גאָר נישט גע-ריכט: די סטאשיאקאָווא האָט זיי אָנגעהויבען בע-דעקען מיט א גראָבען שטעקען.

דער עפּילאָג פון דער געשיכטע האָט זיך אָב-געשפּילט אין פּאָליציי-קאָמיסאריאט.

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט-דיזשורען.

(ב) היינט ביינאַכט דיזשורירען פאָלגענדע אפּטייקען: וואָיטשיצקי, (נאפּיורקאָווסקי 27); וו. דאניעלעצקי (פּיעטריקאָווער 127); פּ. אילניצקי, (וואָלטשאנסקא 37); י. הארטמאן, (מלינארסקא 1); ר. קאהאן, (אלעקסאנדראָווסקא 80).

ענטלאָפען פון אַרעסט און צוריק אריינגעפאלען.

(—) מיט עטליכע טעג צוריק האָט מען אין דאָרף פּוטשניעוו היינטער לאָדז געכאפּט ביי א גנבה דעם געפעהרליכען גנב בראָניסלאוו לעוואנ-דאָווסקי. דעם גנב האָט מען איינגעזעצט אין דאָר-פישען ארעסט-הויז. לעוואנדאָווסקי האָט אָבער ביינאכט אויסגעבראָכען דאָס פענסטער און איז ענטלאָפען. אלע בעמיהונגען, צו געפינען לעוואנ-דאָווסקי׳ן, האָבען נישט געהאט קיין ערפאָלג. ערשט נעכטען האָט די פּאָליציי איהם געפונען ביי זיין שוועסטער אין פאביאניץ און א געשמידטען אין קייטען האָט מען איהם געבראכט אין לאָד-זער טורמע.

גרויסער קאנצערט אין „פילהאַרמאָניע״

דאָנערשטאָג טרעט-אויף אין „פילהארמאָניע״ די בעקאנטע וויאָלאָנטשעליסטין יהודית באָקאָר, וועלכע קומט צו אונז נאָך א זיגרייכען טורנע איבער פראנקרייך און דייטשלאנד. די קינסטלערין וועט אויספיהרען די „שלאגערס״ פון איהר רייכען רעפּערטואר.

יובל פון יצחק קאַצענעלסאָן.

דאָס קולטורעלע לאָדז גרייט זיך שטארק צו דעם 25-יעהריגען יובילעאום פון דער ליטעראַרי-שער טעטיגקייט פון דיכטער יצחק קאצענעלסאָן. צום יובילעאום ווערט צוגעגרייט א גראנדיעזע אקאדעמיע אין וועלכען עס וועלען אָנטיילנעהמען ליטעראַרישע כוחות פון ווארשא און לאָדז, כאָר פון „הזמיר״ און א גרויסע ארטיסטישע אָפּטיילונג. די גרויסע צאָהל פערעהרער און פריינד פון דיכטער יצחק קאצענעלסאָן וועלען זיכער נישט אדורכלאָזען די געלעגענהייט צו קומען צו דער אקאדעמיע, וועלכער ווערט איינגעאָרדענט לכבוד דעם בעליב-טען העבּרעאיש-יודישען דיכטער.

„ארט״ שפּילט היינט אין פילהאַרמאָניע.

היינט אין אָוונט שפּילט אונזער סימפּאטי-שער טעאטער „ארט״ אין „פילהארמאָניע״. די גאנצע הכנסה געהט פאר דער קימפּעטאָרינס קלי-ניק (פּאָלודניאָווא 19).

עס ווערען געגעבען 12 בעסטע נומערן פון אלע 5 פּראָגראמען. א. נ. „ארט אין פילהארמאָ-ניע״. אָנהויב 8 און 10,15.

מיט אַ מעסער.

(א.ב.) מארצעלי שימאנסקי (זאקאָנטנא 9) האָט זיך פאר עפּיס צוקריגט מיט זיין גוטען פריינד באָלעסלאוו מישיאק (זאוואדסקא 24) און אלס ארגומענט פון זיין גערעכטיגקייט האָט שימאנסקי דערלאנגט מישיאקען מיט א מעסער.

דעם פערוואונדעטען מישיאקען האָט די פּאָגאָטאָוויע אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל. שימאנסקי איז צוגעצויגען געוואָרען צו פערענטוואָרטליכקייט.

J. LUKASCHIK, Fabryka Mydła
TARNOWSKIE GÓRY
Rok założenia 1845. Rok założenia 1845.
MŁOTEK i PERLIK
עמפּפעהלט איהרע בעקאנטע און ערסטקלאסיגע אויס-ארבייטונגען פון הויז-קערן-זייפען פון וועלכע די מיט די געזעצליך-געשיצטע ספּעציאל-מארקע ווייזען זיך ארויס גאנץ בעזונדערס אלס א הויכווערטיג קוואליטעטס-פּראָדוקט. ווי אויך די פּילירטע טואלעט-זייפען אין היגיענישער געשמאקפולער פערפּאקונג, אין העכסטער זאָווי דער הויך-פּראָצענטיגער זייפען-פּולווער מיט דער מארקע „POLONIA״ קוואליטעט
א פּראָבע מיט מיינע אויסארבייטונגען זיכערט איירע שטענדיגע קונדשאפט
גענעראל-פערטרעטונג פאר לאָדז:
Arnold Karpf i Ignacy Kuczyński Łódź, Piotrkowska 121, tel. 47-77

ערעפנונג פון ציקליסטען-סעזאָן.

זונטאָג איז אין לאָדז פאָרגעקומען דאָס אָפּי-ציעלע ערעפנונג פון היי-יאָהריגען ציקליסטען-סעזאָן.

אויפ׳ן פּלאץ פון די פייערלעשער אויף דער קאָנסטאנטינער 4 זענען זיך פונקט 8 א זייגער אינדערפריה צוזאמענגעקומען אלע ציקליסטען-פעראיינען פון לאָדזער קרייז. עס זענען געקומען: „אוניאָן״, „מכבי״, „וו.ט.צ.״, „ל.ט.ק.״, „ל.ק.ס.״, „רעסורסא״, „אוראָרא״, „שילא״, „שטורם״, „ביעג״, „ט.ז.ס.״ און פיל אנדערע — צוזאמען 25 פעראיינען.

9 א זייגער האָבען זיך די אנטיילנעהמער געלאָזט אין דער ריכטונג פון דער קירכע אויף פּלאצאָווא. דאָ זענען אלע א חוץ די מכבי-מיטגלי-דער אריין אין דער קירכע, דאן איז געלעגט גע-וואָרען א קראנץ אויפ׳ן קבר פון אומבעקאנטען זעלנער. פון דאָ זענען די ציקליסטען אוועק אויף „לעאָנארד״-פּלאץ און דאָ איז דער צוג פונאנדער געלאָזט געוואָרען, א טייל פון די ציקליסטען זענען אוועקגעפאָהרען קיין רודע.

די „מכבי״-ציקליסטען זענען אוועק אין זייער נייעם לאָקאל אויף קאָליינא 5. דאָ האָט צו די פערזאמעלטע גערעדט ה׳ שטרויוויס, וועלכער האָט אין א לענגערע רעדע איבערגעגעבען די גרויסע אבדה וואָס די יודישע און ספּעציעל די „מכבי״-ספּאָרטלייט האָבען געליטען צוליב׳ן טויט פון ערשט פערשטאָרבענעם פּרעזעס ד״ר לאזאר פּרי-בולסקי.

פון „קאַסינאָ״

—

אלראאונע

די פילם־איבעראַרבייטונג פון דער בעריהמ־טער ערצעהלונג „אַלראַאונע״ איז נישט קיין נייע. עס איז געבליבען נאָר דער בלויזער סקעלעט פון דער ערצעהלונג, אָהן דעם סובטעלען פלואיר, וועל־כער שאַפט אין עווערסעס ערצעהלונגען אַזאַ שטאַר־קע שטימונג. דאָך אָבער ווייסט דער רעזשיסער, ווי אַזוי צו האַלטען דעם צושויער אין שפּאַנונג.

אַפילו פאַר די יעניגע, וואָס געדענקען גענוי די געשיכטע פון דעם וויסענשאַפטליכען עקספּע־רי־מענט פון טען ברינקען, איז דער ראָזינער פילם אינטערעסאַנט. עס איז דאָס פערדינסט פון ברוני־ראַ העלם, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס איר־דעאַלע אינטערפּעטאַטאָרין פון עווערסעס גע שטאַלט.

איהר ליידענשאַפטליך פּנים, דער דעמאָנישער אויסדרוק פון איהרע אויגען און די סאַדיסטישע בעוועגונגען פון איהרע הענד שאַפען דאָס בילד פון אַלראַאונע — אַנ׳אמת אַ נאָרמאַלע און פערפיה־רערישע פרוי.

ראַגענען איז אויסגעפאַלען שוואַך די קרעאַ־ציע פון וועגענערין. נישט אויסגענוצט האָט מען לגמרי דעם פעהיגען אַרטיסט איוואַן פּעטראָוויטש.

פון „גאַנג״

די פּרעכטיגע רעוויו „זעצט זיך הער״ גייט מיט אַנ׳אונאויפהערליכען ערפאָלג. בעזונדערס שעהן איז דער סקעטש „אַ בלעטעל פון לעבען״.

טעלעגראַמע.

ערלויבט דעם צוזאמענפאהר פון וו. י. ז. א.

וו א ר ש א, 16. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ-רעספּאָנדענט). היינט אינדערפריה האָט זיך אין לאָקאל פון „עבריה״ געעפענט דער צוזאמענפאָהר פון וויזא. אין מיטען דעם צוזאמענפאָהר איז אין זאל אריינגעקומען א פּאָליציי-פּשאָדאָווניק און ער-קלערט, אז דער צוזאמענפאָהר קען נישט פאָרקו-מען, ווייל ס׳איז אויף איהם נישט דערהאלטען גע-וואָרען קיין ערלויבניש.

די איינאָרדנער האָבען זיך באלד געווענדעט אין רעגירונגס - קאָמיסאריאט, וואו די ערלויבניש איז געווען אָנגעגרייט, נאָר איז נישט אָבגענומען געוואָרען דורך די איינאָרדנער. בעקומענדיג די ערלויבניש האָבען זיי ווייטער פאָרטגעזעצט דעם צוזאמענפאָהר. אין א קורצער צייט ארום איז ווי-דער געקומען א פּאָליציי - פּשאָדאָווניק און נישט קוקענדיג אויף דעם וואָס די ערלויבניש איז שוין יאָ געווען, אויפגעפאָדערט זיך פונאנדערצוגעהען, ווייל דער צוזאמענפאָהר קען נישט פאָרקומען.

וו א ר ש א. 16 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) נאָך א רייה אינטערווענצען און פערשידענע התשתדלות׳ן איז היינט ענדליך ערלויבט געוואָרען דער צוזאמענפאָהר פון פּרו׳ען-פערבאנד וו. י. ז. א.

וועלט-קאָנפערענץ פון ליבעראַלען יודענטום.

לאָנדאָן, (י. ט. א.) דער „וועלט-פערבאנד פון ליבעראלען יודענטום״ האָט צונויפגערופען זיין וועלט-קאָנפערענץ אויפ׳ן 18. אויגוסט ה. י. קיין בערלין. אין דער קאָנפערענץ וועלען זיך בעטיילי-גען פארשטעהער פון אלע לענדער, וואו עס געפינען זיך שוין רעפאָרמירטע יודישע סינאגאָגען, אויך פון די לענדער, וואו זיי ווערען ערשט געגרינדעט. דער אלוועלטליכער צוזאמענפאָהר וועט בעהאנד-לען א רייה פּראָבלעמען, וואָס זענען פערבונדען מיט דער ענטוויקלונג פון רעפאָרם-יודענטום.

דער קבלת-פנים פאר עמיל וואנדער-ווועלדע אין א״י.

י ר ו ש ל י ם, (י.ט.א.) די ציוניסטישע עקזע-קוטיווע אין ארץ-ישראל האָט איינגעאָרדענט לכבוד דעם בעלגישען ארבייטער-פיהרער און געוו. בעל-גישען אויסערן-מיניסטער ע. וואנדערוועלדע, וועל-כער וויילט איצט צוזאמען מיט זיין פרוי אין ארץ-ישראל, א פייערליכען קבלת-פנים.

וואנדערוועלדע מיט זיין פרוי וואוינען אין הויז פון קאלאנעל קיש, זיי רעכענען פערברענגען אין ארץ ישראל אנ׳ערך א חודש צייט און גענוי זיך בעקענען מיט דער יודישער קאָלאָניזאציע-טע-טיגקייט, מיט דער קאָאָפּעראטיווער בעוועגונג און מיט די בעציהונגען צווישען די פערשידענע טיי-לען פון דער בעפעלקערונג. וואנדערוועלדע וועט אויך האלטען 3 רעפעראטען אין ירושלים׳ער או-ניווערזיטעט וועגען אקטועלע עקאָנאָמישע פּראָב-לעמען.

א סקערניעוויצער דערשיסט זיך אין פּיעטריקאָוו.

(ב) אין האָטעל ליטעווסקי קיין פּיעטריקאָוו איז עהער-נעכטען געקומען א סקערניעוויצער אפּטייקער פּיאָטר קוזשניעווסקי. באלד אין דער ערשטער נאכט איז קוזשניעווסקי בעגאנגען זעלבסטמאָרד דורך דער-שיסען זיך. דער זעלבסטמערדער איז אין א שווע-רען-צושטאנד אָפּגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל. די סיבה פון זעלבסטמאָרד איז פינאנציעלע שוועריגקייטען.

אויפ׳ן וועג צום נאָרדפּאָל,
אין די שיף „איטאליא״ געפלויגען איבער קאַטאָוויץ.

ב ע ר ל י ן, 16 (אַט״ע) די לופט־שיף „אי־טאַליאַ״, וועלכע איז ווי בעקאַנט אַרויסגעפלויגען נעכטען 2 אַ זייגער ביינאַכט פון מיילאַנד צום נאָרד־פּאָל האָט 8.35 אויסגעלאָרען אין סטאָלפּ (סלופּסק) אין פּאָמערן. די לופט־שיף איז געפלויגען דורך יוגאָ־סלאַוויען, עסטרייך, טשעכאָ־סלאָוואַקיען דורך רייטש־שלעזיען. צוליב׳ן נעפּעל האָט „איטאַליאַ״ לאַנג געבלאָנדזשעט איבער רייטש־שלעזיען און די הערפּריה אויסגעלאָרען אָהן שטערונגען. די פּער־טרעטער פון דער אָרטיגער דייטשער מאַכט האָבען בעגריסט אין נאָמען פון דער דייטשער רעגירונג דער גענעראַל נאָבּיל מיט די איבריגע אַנטיילנעה־מער פון דער עקספּעדיציע.

ק אַ ט אָ וו י ץ, 16 (א. ה.) אַרום 9 אין אָוועגר האָט זיך איבער קאַטאָוויץ בעוויזען די לופט־שיף „איטאַליאַ״, וואָס פליהט צום נאָרד־פּאָל. דער לייטער פון דער היגער האַריאָ־סטאַציע האָט זיך נעפּרובט צו פערשטענדיגען מיט׳ן גענעראַל נאָבּיל, אָבער אָהן ערפאָלג. מיט׳ן גענעראַל נאָבּיל האָט אויך אָהן ערפאָלג געפּרובט זיך צו פערשטענדיגען דער איטאַליענישער קאָנסול אין קאַטאָוויץ.

—:O:—

צוזאמענפאהר אין ווארשא

פון קריסטליכע און יודישע הורט-זאלץ-סוחרים.

זונטאג איז אין ווארשאווער צענטראלע פארגעקומען א צוזאמענפאהר פון די הורט־סוחרים, וואס האנדלען מיט זאלץ. עס האבען זיך בעטייליגט איבער 50 פראצענט קריסטליכע דעלעגאטען פון אלע עקען פוילען און א ספעציעלער דעלעגאט פון פינאנץ־מיניסטעריום. דערביי האט דער דירעקטאר פון צענטראלען פערקויפס־ביורא פון זאלץ אין פוילען, ה׳ מארקעוויטש נישט בלויז רעפרעזענטירט די רעגירונג, ער האט זיך אקטיוו בעטייליגט אין דער דיסקוסיע פונ׳ם צוזאמענפאהר און האט צוגעזאגט צו פערבעסערן די לאגע פון די זאלץ־סוחרים.

דער צוזאמענפאהר איז געעפענט געווארען מיט א בעגריסונגס־רעדע פון רעפוטאט ווישליצקי.

אין בעריכט וועגען דער ביז־איצטיגער טעטיגקייט פון דער צענטראלער פעראייניגונג פון די הורט־סוחרים פון זאלץ איז אנגעוויזען געווארען אויף די בעמיהונגען מצד דער פערוואלטונג דורך א רייהע אינטערווענצען און מעמאריאלען, צו פערבעסערן די לאגע פון די זאלץ־סוחרים. דער רעפערענט האט אויך אנגעוויזען, אז די צענטראלע פעראייניגונג וועט מוזען אויסקעמפען ביים זאלץ־מאנאפאל גרעסערע קרעדיטען און א העכערען ראבאט און וועט מען קאנען הויבען די זאלץ־קאנסומציע אין לאנד.

א וויכטיגער ענין, וועלכער וועט מוזען אונבעדינגט ערלעדיגט ווערען, איז די פראגע פון די אזוי גערופענע „פרייע לאגערס", וועלכע בעקומען זאלץ דירעקט פון די זאלץ־גרובען און פערקויפען זעהר אפט די הורט־סוחרים אדער סתם אגענטען נישט קיין טראנספארטען נאר די פאקטורען, וואס זיי בעקומען פון די דירעקציעס פון די זאלץ־גרובען. דאס ברענגט אפט צו א שעדליכער קאנקורענץ.

מאגיסטער אוורוטען האט געהאלטען א רעפעראט וועגען אומזאץ און הכנסה־שטייערן פאר די זאלץ־סוחרים.

נאך די ראזיגע רעפעראטען האט זיך אנגעהויבען א דיסקוסיע.

ה׳ וואלעווסקי (קאסטאפאל, וואלין), רעדצעהלט ווי די הורט־סוחרים פון וואהלין האבען זיך גלייכצייטיג געווענדט אין דער צענטראלע פון סוחרים־פערבאנד און אין דעם פוילישען סוחרים־פעראיין מיט דער ביטע עס זאל געשאפען ווערען א פעראייניגונג פון די זאלץ־סוחרים צו שיצען זייערע פראפעסיאנעלע אינטערעסען. די צענטראלע פון סוחרים־פערבאנד האט אויף זיך גענומען די איניציאטיוו און אט איז צושטאנד־געקומען דער דאזיגער צוזאמענפאהר.

געוו. רעפוטאט קאציורא (מילובעק, ציעשינער שלעזיען) האט אנגעוויזען, אז די „פרייע לאגערן" זענען נישט בערעכטיגט און דאך שטיצט זיי דער זאלץ־מאנאפאל אונטער און גיט זיי פיל בעסערע בעדינגונגען ווי די הורט־סוחרים. וואס שייך די קרעדיטען־פראגע, ווייזט ה׳ קאציורא אן, דאס איז איינע פון די וויכטיגסטע פראגען. ער שטרייכט אונטער, אז ער טרעט־ארויס אלס גענעראל־דירעקטאר פון א פוילישען קאאפעראטיוו, וועלכע נויטיגט זיך אפשר ווייניגער אין קרעדיטען ווי די פריוואטע הורט־סוחרים.

וועגען דער קאנקורענץ, וואס איז געשאפען געווארען צווישען די איינצעלנע סוחרים געפינט ה׳ קאציורא זעהר הארבע ווערטער. דאס פינאנץ־מיניסטעריום דארף רעגולירען דעם דאזיגען ענין דורך פעסטשטעלען מאקסימאל־פרייזען.

געוו. רעפ. ווישניעווסקי טרעט שארף ארויס געגען די „פרייע לאגערען" און בעווייזט, אז זיי זענען בכלל נאר אנ׳אומנויטיגער באלאסט אינ׳ם זאלץ־האנדעל.

דער גענעראל־דירעקטאר פון פערקויפס־ביורא פון זאלץ אי[ן] פוילען, ה׳ מארקיעוויטש קלערט אויף פארוואס דאס פינאנץ־מיניסטעריום האט בעשלאסען איינצואָרדנען די דאזיגע פרייע לאגערס. דאס האבען געפאדערט די פראדוקציע־בעדינגונגען פון די זאלץ־גרובען. די פרייע לאגערס" האבען געזיכערט די פראדוקציע פון די זאלץ־גרובען אין די צייטען, ווען די נאכפראגע איז געווען א מינימאלע צום סוף פון זיין רעדע זאגט דירעקטאר מארקיעוויטש צו, אז דאס פינאנץ־מיניסטעריום וועט הויבען דעם ראבאט פאר די הורט־סוחרים.

רעפ. ווישליצקי האט געשלאסען די רעבאטע מיט א רעדע, אין וועלכער ער האט אנגעוויזען, אז די הורט־סוחרים דארפען זיך ווייניגער רעכענען דערמיט, וויפיל עס פערדינען די אייגענטימער פון די „פרייע לאגערען" און זייער גאנצער אינטערעס דארף זיך קאנצענטרירען דערויף, ווי צו פערבעסערן די עקזיסטענץ־בעדינגונגען פון די זאלץסוחרים. די פראגע וועגען פערגרעסערען די קרעדיטען איז איינע פון די הויפט־פראגען פאר׳ן הורט־סוחר.

צום סוף איז אויסגעוועהלט געווארען א ראט, אין וועלכען עס געהען אריין פארשטעהער פון אלע וואיעוואודזטוועס און דהיינו: ה״ה האוולער, פאשעווסקי, ערליך, באנאשעוויטש (אלע פון ווארשא), קייזער (קראקא), איזיראר איזראעל (לעמבערג), זיגמונט (לאדז), סיראטא (פאלעסיע), ראוו און וואלאווסקי (וואלין), וויינטרויב (קיעלץ), פאניאטאווסקי (ווילנא), בראמסאן (ביאליסטאק), אושיאנקא (סטאניסלאוואוו), ווישניעווסקי (טארנאפאל) און ריגעל (לובלין).

Dr. Z. Rakowski

ספעצ. פאר אוירען־, נאז־, האלז־ און לונגען־קראנקה.

קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 27-81.

שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן אין לעטשניצע, זגערזשער 17 פון 10—11 און פון 2—3.

יורידישע עצות.

—:o:—

אין דער דאזיגער אפטיילונג גיט די רעדאקציע פון „נייעם פאלקסבלאט" ענטווארטען אויף יורידישע פראגען, וואס ווערען צוגעשיקט שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופאן.

יורידישע אפטיילונג

פון „נייעם פאלקסבלאט".

[illegible]

גילטיג דעם 17־טען אפריל 1928

7259. פאלעוואדע.

איהר קאנט בעפרייט ווערען פון די געפאדערטע געריכטס־אפצאהלונגען, ווען איהר וועט צושטעלען אנ׳ארעמקייטס־צייגניש פון דער אפטיילונג איבער עפענטליכער השגחה ביים מאגיסטראט.

7260. אנ׳אייביגער פריינד פון נ. פאלקסבלאט.

אין פרינציפ דארף מען האבען אנ׳הסכמה פון הויזווירט אויף אפצוטרעטען א טייל פון דער וואוינונג אפילו אנ׳אייגענע טאכטער, וויבאלד זי האט פריהער נישט געוואוינט צוזאמען מיט די עלטערן, פונדעסטוועגען וועט דער הויזווירט קיין עקסמיסיע נישט בעקומען אויב דער צימער איז אפגעטראטען געווארען אהן זיין הסכמה.

7261. צוואנג.

פרינציפיעל ווערט אזא היפאטעק־חוב וואלאריזירט אויף 25 פראצ. איהר קאנט דורך עדות אדער אויף אנ׳אנדערן אופן בצווייזען, אז איהר האט דורך דער מלחמה דירעקט אדער אומדירעקט געליטען, קאן אנגעוואנדען ווערען די הנחות פון אפלייגען דאס צאהלען דעם חוב אדער דאס צאהלען דעם חוב קאן פונאנדערגעלייגט ווערען אויף ראטעס.

7262. ק. ש.

אזוי ווי דער פראצעס קומט פאר אויסערן שטח פון אייער קרייז־געריכט קאן מען אייך נישט בעשטראפען פאר זיך נישט שטעלען. ווילט איהר יא פאהרען, וועט מען אייך די רייזע־קאסטען אומקעהרען. דער פראצעס דארף נישט אפגעלייגט ווערען, ווייל אייערע ערקלערונגען בעת דער אויספארשונג, קאנען אויף דער געריכטס־פערהאנדלונג פערעפענטליכט ווערען אין אייער אפוועזענהייט.

7263. ליפשיץ.

אויב אין איין און זעלבען לאקאל ווערען געפיהרט 2 ווערקשטאטען פון בעזונדערע בראנזשעס, איז נישט גענוגענד 1 פאטענט, הגם אין ביידע ווערקשטאטען זענען בעשעפטיגט צוזאמען נישט מעהר ווי 4 ארבייטער.

7264. א לאקאטאר פון סטאדאלניאנע.

וויבאלד דער לאקאטאר, וועלכער האט פערנומען די זעלבע דירה אין יוני 1914, קאן פעסטשטעלען די סומע פון גרונד דירה־געלד, דארף נישט דעלעגירט ווערען קיין קאמיסיע. די טענה פון הויזווירט, אז די דירה איז דאמאל צו נידעריג געגאנגען און דעריבער דארף דאס גרונד דירה־געלד נאכאמאל פעסטגעשטעלט ווערען, איז אהן געזעצליכען יסוד. אזא קראוזול איז פארגעזעהן נאר לטובת די אינטערעסען פון לאקאטאר, ד. ה. דאס דירה־געלד וואלט נאכאמאל פעסטגעשטעלט געווארען, ווען דער לאקאטאר טענה׳ט, אז צוליב געוויסע טעמים איז דער לאקאל אין יוני 1914 צו הויך געגאנגען.

7265. S. P.

מעג דער בעל־חוב ערקלערען, אז די סעקוועסטרירטע זאכען זענען נישט זיין אייגענטום, האט דער קאמארניק נישט קיין רעכט די געמאכטע ערקלערונג צו בעריקזיכטיגען. קוים פערלאנגט דער מלוה, אז די עקזעקוציע זאל יא געווענדען ווערען אויף די דאזיגע זאכען.

Dr. med. St. Heinrich

POMORSKA 10, tel. 47-67.

ספעציאליסט פאר קינדער־ און אינערע קראנקה. בעהאנדלונג מיט קינסטליכע בערגזון־בעשטראהלונגען (קווארץ־לאמפען). נעהמט אן פון 4—6 נאכמיטאג.

Dr. Med. I. WEINBERG

Cegielniana 47, tel. 26-62.

בינערליכע קראנקהייטען, ספעציעל פאר לונגען־ און הארץ־קראנקהייטען, בעשטראהלונגען און קינסטליכע [illegible]. נעמט אן אין לעטשניצע, זגערזשער 17 פון 6—7. אין דערהיים פון 3—5 נאכם.

געוועזענע חזנ׳טע שמד׳ט זיך

און פערקויפט איהר טאכטער צו אַרייכען טערק.

אמאל, ווען איהר מאן איז נאך געווען א חזן, האט זי געהייסען פשוט — פריידעל די חזנ׳טע און איז געגאנגען אין א לאנג קליידעל מיט א שייטעל אויפ׳ן אפגעשוירענעם קאפ און א ווייסען טשעפיק אויפ׳ן שייטעל. פריידעל די חזנ׳טע איז דאן געווען א פרום ווייבעל. זי האט געדאווענט 3 מאל אין טאג ווי א פרומער יוד. זי האט זאגאר געזאגט תהילים און געפאסט תעניתים אלע מאנטאג און דאנערשטאג.

היינט אבער איז פון פריידעל די חזנ׳טע געווארען א גאר אנדערע מענש. זי הייסט עלפרידע. זי טראגט א מאדערנעם „בובי־קאפ", קורץ געשוירענע האר, מיט לייב קאלירענע זאקען, מיט א קורץ קליידעל ביז די קניעס; זי פארבט דאס געזיכט און די ליפען; זי שפילט די ראלע פון א „גראנד דאמע" און אין אלע בארען און קאפע־שאנטאנען, וואו רייכע הולטייעס פיהרען אנ׳אויסגעלאסען לעבען, איז זי בעקאנט אלס ערשטע לעבע־דאמע און טענצערין, אין וועלכער אלע לעבעמענער זענען פערליבט. וואו נאר עפעס א ליבע־סקאנדאל איז אין דעם פערמישט די מאדאם עלפרידע שולימאנאוויטש; וואו נאר קאוואלירען פיהרען א דועל, שפילט די ערשטע ראלע די מאדאם שולימאנאוויטש. די צייטונגען בעשרייבען זי אלס ערשטע שעהנהייט, א ווייבעל א ברען, וועלכע פיהרט דאס רעדעל אין יענער הולטאיסקער וועלט.

די לוסטיגע גרושה.

זי האט זיך נאך מיט א שטיק צייט געג׳גט פון איהר מאן, דעם חזן. און זי איז יעצט אין דער „לעבע־וועלט", אין די וועלט פון די בארען און קאפע־שאנטאנען בעקאנט אונטער דעם נאמען די „לוסטיגע גרושה".

ווי אזוי קאן עפעס פון א כשר יודיש ווייבעל, פון א פרומער חזנ׳טע, וועלכע האט געזאגט תהילים, געפאסט תעניתים און געשפרונגען קדוש, פלוצלונג ווערען א בריהמטע שעהנהייט און א מאדערנע רעדעל־פיהרערין אין קאפע־שאנטאנס?

צו פערענטפערען די קשיות מיט אלע פיטשעווקעס וואלט אונז פערפיהרט צו ווייט. איינס אבער איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז די מאדאם עלפרידע שולימאנאוויטש האט נאך דעמאלט, ווען זי איז געווען פריידעל די חזנ׳טע געהאט פייערדיגע שווארצע אויגען, וועלכע האבען געקאנט מיט א איינציגען בליק פערברענען דאס הארץ פון א מאנסביל.

אמת, וועגען דעם האט דער חזן רב נחמן גארנישט געוואוסט. ער האט קיין צייט געהאט צו קוקען זיין ווייבעל אין די אויגען אריין. ער האט געהאט געגוג קאפ־דרעהעניש איינשטודירענדיג א נייעם „יקום פרקן" אויף שבת ראש חודש און א נייעם „אנא בכח" פאר א ליטעראַרישען קאנצערט, ווי אלע חזנים. וואס איז איהם אנגעגאנגען זיין יודענע, וועלכע האט זיך ארומגעדרעהט אין שטוב, געבראקט ציבעלעס און געהאקט פיש?

א יודענע איז א יודענע. ווער קימערט זיך וועגען איהרע אויגען?

דער חזן ווייסט נעבעך פון גארנישט.

געווען אבער אנ׳אנדערער, וואס האט יא געקוקט אויף דער חזנ׳טע און דאס איז געווען דער בעהעלפער משה מעכיל, וועלכער פלעגט אריינקומען ביים חזן אין שטוב אפלערנען מיט זיין טעכטערל, דאס קליינע מיידעלע איידעלע.

און וועהרענד דער בעהעלפער משה מעכיל פלעגט לערנען מיט׳ן קינד אלף בית און אונטערזינגען מיט א געצויגענעם ניגון:

— זאג־זשע מיידעלע, זאג־זשע, אלף, גיב א קוק אין סדור׳ל, זאג־זשע,— פלעגט ער אויך ווארפען פערליבטע בליקען צו דער חזנ׳טע, און די פרומע חזנ׳טע פלעגט דעם בעהעלפער ענטפערן מיט׳ן פייערדיגען בליק פון איהרע שווארצע אויגען.

עס האט נישט לאנג גענומען און דער בעהעלפער מיט דער חזנ׳טע האבען פערפיהרט א געהיימע ליבע אונטער׳ן חזנ׳ס פלייצעס.

די חזנ׳טע אנטלויפט מיט׳ן בעהעלפער.

איינמאל איז דער בעהעלפער געקומען אביסעל פריהער. דער חזן איז דאן געווען אוועק צו א נגידישען ברית, און אזוי ווי ער איז געווען א אפטער בעזוכער פון יודישען טעאטער, האט ער געטון ווי מען טוט אין טעאטער: זיך ערקלערט דער חזנ׳טע אין ליבע. ער איז געפאלען אויף איין קניע, אויסגעשטרעקט א האנד צו דער סטעליע און נישט מיט זיין קול אויסגעשריגען:

— יא, פריידעל, אוצר פון מיין הארץ! ווילסט זיין מיינע?

— יא, טייערע משה מעכיל — האט די חזנ׳טע געשעפטשעט און זי איז איהם געפאלען אויפ׳ן האלז און ביידע האבען זיך געקושט און געוויינט מיט הייסע, ליבע־טרעהרען.

יענעם טאג טאקע האבען זיי אפגערעדט צו אנטלויפען.

אז דער חזן ר׳ נחמן, א יוד א שטילער, א חלוש און א גרויסער מנגן, האט זיך דערוואוסט, וואס זיין ווייבעל האט איהם אפגעטון איז ער ממש ארויס פון די כלים און געטון, וואס יעדער חזן אויף זיין ארט וואלט געטון: געמאכט א געוואלד.

— סטייטש, האט ער געשריגען אויפ׳ן בעהעלפער, — סטייטש אזא שייגעץ, אזא שמענדריגאץ, אזא בייגעלטרעגער. אזא גראבער יונג זאל מיר אפטון אזא מעשה?

דאס שרייען האט אבער דעם חזן גאר נישט געהאלפען. ביז ער האט פערפיהרט געגען זיין אונטרייער פרוי א גט־פראצעס. זייער קינד, דאס מיידעלע איידעל, וועלכעס איז דעמאלט אלט געווען 6 יאהר, האט דאס געריכט צוגע׳פסקנט דער מוטער, וועלכע האט עס צוגענומען צו זיך אין הויז, ווען זי האט מיט איהר געליבטען געהייראט.

די געוועזענע חזנ׳טע שמד׳ט זיך און ווערט א טענצערין אין א ביליגען קאפע.

די צווייטע הייראט פון דער חזנ׳טע איז אויך נישט געווען מזל׳דיג. זייער גליק האט לאנג נישט געדויערט.

אין וויען האט די געוועזענע חזנ׳טע אראפגעווארפען דאס פרומע שייטעל און איז געווארען א „דייטשקע". איהר מאן, דער געוועזענער בעהעלפער איז געווארען א פעדלער. זיין פרוי פלעגט איהם צוהעלפען אין דער פרנסה און פערקויפען קוישלעך ווארע אין די קאפע־הייזער און שענקען.

אין איינעם אזא ביליגען קאפע־הויז האט זיך אין דער געוועזענער חזנ׳טע פערליבט איינער א טענצער און זינגער און די חזנ׳טע האט זיך גע׳גט פון איהר צווייטען מאן און גענומען לעבען מיט יענעם טענצער און זי איז אויך א שטיק צייט אויפגעטראטען אלס טענצערין אין יענעם קאפע־הויז אויף „פראטער".

אין פראטער געפינען זיך פערשידענע פערגעניגונגס־פלעצער, פערשידענע קליינע טעאטערלעך און ביידלעך, וואו פערשידענע זינגער און קונצענמאכער פערווייילען דאס פובליקום. די געוועזענע חזנ׳טע איז באלד געווארען זעהר בעליבט ביים פובליקום. זי איז געווען שעהן און נאך זעהר יונג, ווארום, אבוואהל זי איז שוין געווען צוויי מאל פערהייראט און האט שוין געהאט א טאכטער פון 7 יאהר, איז זי געווען נאך גאר יונג. עס איז בעקאנט, אז אין די קרייזען פון די פרומע יודען מאכט מען זעהר יונג חתונה מיידלעך. עס איז דערום קיין וואונדער נישט, וואס זי האט מיט איהר שעהנער, יונגער געשטאלט געמאכט א קאריערע אין דעם קליינעם טעאטערעל, וואו זי איז אויפגעטראטען, און באלד דערויף איז זי אויסגענומען געווארען אין א גרעסערען טעאטער אין דער פראווינץ, און זי האט געשפילט די ראלע פון א „סטאר". זי האט שוין, נאטירליך, נישט מעהר געהייסען פריידעל, נאר עלפרידע, און אין א קורצער צייט ארום האט זי זיך, ווי עס איז יעצט בעקאנט, גע׳שמד׳ט. געטון האט זי עס צוליב א קריסטליכען שוישפילער, מיט וועלכען זי האט געשפילט א ליבע.

(ענדע מארגען).

אַ יודישער טאַטע לעבט מיט זיין יונגע טאָכטער אין וואַרשאַ.

דאָס קראָכמאַלנע־נושיבאַוו אין וואַרשאַ האָט איצט צו דערציילען אַ מעשה מיט אַ יוד, אַ מאַ־לאַרוש, וואָס האָט שוין געהאַט 3 ווייבער, אָבער וואָס פערמאָגט אויך פון ערשטען ווייב אַ שיינע 18־יעהריגע טאָכטער.

אָט טאַקע וועגען איהם, דעם 42־יעהריגען פאָטער, און זיין 18־יעהריגער טאָכטער קאָכט דאָס קראָכמאַלנע גאַס. הערשיל סאַלאַרוש — אַזוי רופט מען איהם דאָרט — האָט זיך מיט די ערשטע צוויי ווייבער שנעל גע׳גט און מיט דער איצטיגער מיט דער דריטער האָט ער געלעבט 10 יאָהר.

ווי אַזוי די 10 יאָהר „לעבען" האָבען אויס־געזעהן איז נישט אינטערעסאַנט. אינטערעסאַנט איז נאָר, אַז ווען ער האָט מיט עטליכע וואָכען צוריק אַראָפגעבראַכט פון פאַלעניץ זיין 18־יעהריגע שיינע טאָכטער פון ערשטען ווייב — האָט די גאַנצע אָנגע־הויבען מורמלען און יודענעס האָבען זייערע אַלע ניין מאָס רייד אויסגעגאָסען אויף הערשעל׳ס קאָפּ און אויף זיין אומגליקליכע טאָכטער.

נאַטירליך, האָט הערשעלס ווייב זעהר פיל געליטען פון דער אויסטערלישער פאַסירונג. שכנים האָבען איהר ממש די אויגען אויסגעשטאָכען, דער־צעהלענדיג איהר, אַז זיי ווייסען גענוי, דאָס הער־שעל שפּילט אַ ליבע מיט זיין טעכטערל". דאָס ווייב האָט אַזוי לאַנג געשוויגען און געליטען ביז... ביז הערשעל האָט שוין מיט זיין פרעכהייט איבער־געטרעטען אַלע גרעניצען.

געווען איז דאָס צוויי וואָכען פאַר פסח: הער־שעלס ווייב קומט אַמאָל אַהיים און פּאַקט דעם מאַן מיט זיין טאָכטער אין אַזאַ ליבעס־צושטאַנד, אַז זי איז פון גרויס אויפרעגונג געפאַלען אין חלשות.

אין שטוב ביי הערשלען איז דאַמאָלס ענטשטאַ־נען אַ גרויסע אַוואַנטורע. שכנים דערצעהלען, אַז ער האָט גוט צושלאָגען זיין ווייב. גענוי וועגען דעם ווייסט מען אָבער נישט. מען ווייסט נאָר, אַז הערשעלס ווייב איז דאַמאָלס שווער אַוועקגעפאַלען און זי איז אָפּגעלעגען אין שפּיטאָל צוויי וואָכען צייט.

די גאַנצע גאַס האָט דאַן אנטייל גענומען אין גרויסען סקאַנדאַל. קודם־כל האָט מען זיך גענומען צום מיידעל און מען האָט פון איהר פערלאַנגט, אַז זי זאָל תיכף ומיד פערלאָזען דעם פערברעכע־רישען טאַטען און אַוועק צוריק קיין פאַלעניץ.

האָט דאָס מיידעל זיך אַוועקגעשטעלט פאַר די שכנים און אַזוי נע׳טענה׳ט.

— איך ווייס נישט, מענשען, וואָס מיט מיר טוט זיך. מיין מאַמע אין פאַלעניץ איז זעהר אָרים. מיר זענען דאָרט ממש אויסגעגאַנגען פון הונגער — האָט דער טאַטע מיך אַראָפּגענומען צו זיך, כדי מיך אַביסעל צו זעהן.

— אָבער דו ביזט דאָך אַ חצופה און דער טאַטע דיינער איז דער ערשטער אויסוואורף — האָבען שכנים געשריגען.

דאָס מיידעל ה אָטערויף מיט אַ געוויין גע־ענטפערט:

— דער טאַטע האָט מיר געזאָגט: „טאָמער ווילסטו מיך נישט האָבען, וועסטו מיך אויף איי־ביג פערלירען"...

בקיצור מען ה' אָטראָס מיידעל געטריבען אַ חיים, אָבער דער טאַטע האָט זי געהאַלטען ביי זיך די גאַנצע צייט, וואָס דאָס ווייב איז געלעגען אין שפּיטאָל. ערשט תיכף נאָך יום־טוב, ווען דאָס ווייב איז אַרויס פון שפּיטאָל און די גאַס איז וויי־דער געוואָרען פול מיט קולות, איז דאָס מיידעל נעלם־געוואָרען.

דאָנערשטאָג, מוצאי פסח, איז הערשעל גע־בראַכט געוואָרען אויף אַ גט דין־תורה צום מורה־הוראה ר׳ אהרן זאַבלודאָווער אויף טוואַררא 7. דער רב האָט אויסגעהערט אַלע טענות און האָט זיך ממש ביים קאָפּ אָנגעכאַפּט פון פערצווייפלונג. אַזאַ זאַך איז דאָך ממש ביי יודען נאָך נישט גע־הערט געוואָרען. נישט־גלויבענדיג אַליין זיינע אויע־רען, האָט דער רב געבעטען דעם פאָר־פאָלק איבערצולאָזען די דין־תורה אויף צומאָרגענס, כדי דער ענין זאָל גענוי אויסגעפאָרשט ווערען.

פרייטאָג איז מען, אַלזאָ, נאָך אַמאָל געקומען צום רב. דאָס מאָל זענען מיטגעקומען אויך קרובים און שכנים, וועלכע האָבען דעם רב איבערצייגט, אַז דאָס אומערהערטע פערברעכען, איז לײדער, געשעהן. ביי אַזאַ צושטאַנד האָט שוין דער רב זיך מעהר נישט געקאָנט בעמיהען וועגען אַ שלום און דער גט איז צושטאַנד־געקומען.

יודישער לעהרער=צוזאַמענפאָהר אין וואַרשאַ.

יודישע לעהרער פאָדערן איינצופיהרען די מוטער־שפּראַך אין די „פאָוושעכני" און מיטעל־שולען.

ביי די מיטעל=שול=לעהרער.

אין משך פון שבת׳דיגען און זונטאָג׳דיגען טאָג זענען געהאַלטען געוואָרען פאָלגענדע רעפעראַטען: „דערגענצונגס־בילדונג פאַר טעטיגע לעהרער" — רעפערענט גאָלדסאָבעל; די פראַגע פון קוואַליפי־קאַציעס פאַר לעהרער — רעפערענט אַלטמאַן; בעריכטען פון דער הויפּט־פערוואַלטונג, פון רע־וויזיאָנס־קאָמיסיע, און ד מאַטעריעלע לאַגע פון יודישען מיטעל־שול־וועזען און פון דער לעהרער־שאַפט. די הויפּט־דיסקוסיע איז געפיהרט געוואָ־רען אַרום דער פראַגע וועגען קוואַליפיקאַציעס פאַר לעהרער, וואָס זענען טעטיג אין די שולען און האָ־בען ביז איצט נאָך נישט געהאַלטען קיין עקזאַמענס.

ס׳רוב לעהרער פאָדערען, אַז עס זאָלען גע־מאַכט ווערען פערלייכטערונגען ביים צולאָזען צו די עקזאַמענס, דאָס רעכט צו עקזאַמענירען זיך זאָל פערלענגערט ווערען ביז׳ן סוף שול־יאָהר 1931; דאָס בילדונגס־מיניסטעריום זאָל גלייך אָרגאַניזיר־ען אַ רייה קוואַליפיקאַציע־קורסען, ביי וועלכע מען זאָל זיך קענען עקזאַמינירען; פאַר נישט קוואַליפי־צירטע לעהרער, וואָס זייער טערמין ענדיגט זיך יאַנואַר 1929 זאָל דער טערמין פערלענגערט ווע־רען ביז׳ן סוף שול־יאָהר 9—1928. אַ הייסע דיס־קוסיע האָט אויך אַרויסגערופען דער רעפעראַט וועגען דער לאַגע פון די יודישע מיטעל־שולען און די יודישע לעהרער.

די מעהרהייט פון די דעלעגאַטען פאָדערט אויך פון דער רעגירונג, זי זאָל בעשטימען ענט־שפּרעכענדע פינאַנציעלע הילפס־מיטלען, דורך בע־שטימען סובסידיעס, קרעדיטען אויף בוי־צוועקען און שול־אינווענטאַר. וואָס שייך דער בעציהונג צו די לעהרער זאָל די רעגירונג אָבהענגיג מאַכען דאָס אַרויסגעבען קאָנצעסיעס דערפון, אויב די הויך פון די געהאַלטען פון די לעהרער וועלען נישט זיין קלענער ווי אין די מלוכה׳שע מיטעל־שולען.

עס איז אַרויסגערוקט געוואָרען די פאָדערונג וועגען נאָרמירען די פערזיכערונג פאַר גייסטיגע אַר־בייטער א. א. וו.

עס איז אויך בעהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען נייע אָבמאַכונגען פון נייעם שול־יאָהר און עס איז אַרויסגערוקט געוואָרען די פאָדערונג, אַז די פרייזען טאָר נישט זיין קיין קלענערע ווי אין פאַ־רינגען יאָהר. דערביי אָבער מוז גענומען ווערען אין אַכט דער וואוקס פון יקרות.

אויף דער אָוועגד־זיצונג זענען אָנגענומען גע־וואָרען רעזאָלוציעס: בעשטימען אַ טערמין אָבצו־שאַפען די 1. 2. און 3־טע קלאַסען פון די 8־קלאַ־סיגע גימנאַזיעס כדי צו פעראיינהייטליכען דאָס שול־וועזען, איינפיהרען אַנ׳איינהייטליך צוואַנגס־שול־וועזען אין דער מוטער שפּראַך פון די קינדער און, אַז דער פּראָיעקט וועגען רעאָרגאַניזירען דאָס מי־טעל־שול־וועזען זאָל נאָכאַמאָל רעדאַגירט ווערען מיט׳ן אָנטייל פון דער לעהרערשאַפט. עס ווערען אָנגענומען אַ רייה רעזאָלוציעס וועגען דער ברענענ־דער פראַגע פון קוואַליפיקאַציעס און דאַן ווערט גע־וועהלט פאָלגענדער צענטראַל־קאָמיטעט.

פון וואַרשאַ: די ה״ה ערנשטאַם, גאָלדסאָ־בעל, ערענבאַך, און קאָרעסנאַווא, בירענצווייג און קאַבער (לאָדז) אָסטערן (וולאָצלאַוועק), הורוויץ (ראַ־דאָם), טענענבוים (ווילנאָ), קאַמינסקי (זאַגלעמביא), רייכערט (ביאַליסטאָק) און גרינבערג (ראָוונא).

ביי די „פאָוושעכני"=לעהרער.

אויפ׳ן צוזאַמענפאָהר פון די לעהרער פון די „פאָוושעכני"־שולען איז דער צענטראַל־פּונקט גע־ווען די דיסקוסיע איבער צוויי פראַגען: וועגען נאָ־מען פון פעראיין און וועגען דער בעציהונג צו דער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע. די ערשטע פראַגע וועגען ענדערן דעם נאָמען פון פעראיין; ער זאָל הייסען: „פעראיין פון יודישע לעהרער אין די פאָוו־שעכני־שולען" אַנשטאָט ווי ער הייסט איצט „פער־איין פון פאָוושעכני שול־לעהרער".

די פערטיידיגער פון דער ענדערונג ווייזען־אָן, אַז עס איז נישטאָ מיט וואָס זיך צו שעהמען. מען דאַרף דעריבער אונטערשטרייכען, אַז עס איז אַ יודישער פעראיין. די ראָזיגע פאָדערונג ווערט גע־שטיצט דורך אַ גרעסערער גרופּע דעלעגאַטען און ווערט אָבער אָפּגעוואָרפען מיט אַ מעהרהייט פון 12 שטימען.

אינטערעסאַנט ,אַז דער דערמאָהנטער פער־איין, וועלכער איז ערשט מיט 2 יאָהר צוריק גע־ווען אַ פעסטונג פון דער אַסימילאַציע, הויבט ביס־לעכוויין אָן צו ווערען „יודישער", פאַר אַ יאָהרען איז אויך אַרויסגערוקט געוואָרען אַ פאָדערונג צו ענדערן דעם נאָמען, אָבער מעהר ווי 2 — 3 שטי־מען האָט דער פאָרשלאַג דאַמאָלס נישט בעקומען.

אַ צווייטע לייענשאַפטליכע דיסקוסיע איז געפיהרט געוואָרען אַרום דעם בעריכט פון דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע.

מיט אַ שאַרפער רעדע צו פערטיידיגען די פאָליטיק פון דער צ. ש. א. טרעט אַרויס ה׳ קאַ־האַן (לאָדז) און ביי דער אָפּשטימונג ווערט מיט אַ מעהרהייט פון אַלע שטימען געגען 4 אָנגענומען דער פאָרשלאַג וועגען אַבסאָלוטאַריום פאַר דער צענטראַלער פערוואַלטונג.

Perfumerja

J. Drukier

11 Zawadzka 11

עמפּפעהלט דער געעהרטער קונדשאַפט

:–: די נייעסטע :–:

פּערפומען,
פודערן,
טואַלעט=זייפּען,
קעלנישע און
בלומען=וואַסערן,
אַלעראַרט קאָסמעטיק

אין־ און אויסלענדישע

צו פאַבריקס=פּרייזען

דאָס בעזוכען מיין געשעפט
:–: איז אָהן קויפצוואַנג. :–:

בעמ.: פאַר ענגראָסיסטען – ראַבאַט.

אינדיציין פּונטיגער

סענסאַציאָנעלער ראמאַן

פון מאָרים לעבלאַן

114)

ער איז געקראָכען אויף אַלע פיער, נאָכגע־מאַכט יעדען מינדעסטען ריהר פון דאָן לואי, צו־געגאַנגען נאָהענט צום ברונעם און זיך אַוועקגע־שטעלט כמעט ביים ברעג. אין דער האַנד האָט ער געהאַלטען דעם רעוואָלווער און געצילט די גאַנצע צייט אויף דאָן לואי און דאָס געלעכטער, זיין טייוואָניש געלעכטער האָט געהילכט:

— האַ! האַ! האַ! שוין ביסטו אַריינגעפאַלען לופּען. כ׳האָב דאָך דיך געוואָרענט, דערמאָן זיך נאָר: „דאָס אָרט פון דיין טויט איז שוין געוועהלט, די נעץ געשטעלט, היט זיך, לופּען!" און דאָך בי־סטו געקומען? צום גליק האָב איך אַלץ פאָראויס־געזעהן און אָנגענומען פאָרזיכטיגקייטס־מיטלען... נו, וואָס וועסטו עפּעס איצט טענה׳ען? זאָג אַליין, גוט אַלצדינג בעטראַכט? אַלץ פאָרויסגעזעהן. און טראַכט מיר: „די גאַנצע פּאָליציי וועט זיך וואַרפען מיך כאַפּען. אָבער נאָר איין מענש קען זיך צו מיר גלייכען — דאָס איז לופּען. האָב איך איהם אַלזאָ אָנגעוויזען דעם וועג איהם געפיהרט נאָך זיך, ווי אויף אַ שטריקעל מיט דער סטעזשקע, דורך וועל־כער עס איז אַדורכגעפיהרט געוואָרען דער קרבן. אַלזאָ סמנים אויפ׳ן וועג... דאָ אַ פינגערל אַרומ־געוויקעלט מיט גרעזעלעך, דאָ אַ בלימעלע, דאָרט סמנים פון פינגער און צום סוף אַ קרייצעל געמאַכט מיט אַ שטיינדעל... מען האָט נישט געקענט קיין טעות האָבען, אמת? און דעמאָלט ווען דו האָסט מיך געהאַלטען פאַר אַזאַ נאַר, אַז כ׳וואָלט ז׳ער־לויבט פלאָרענציען זיך צו שפּילען מיט אַזעלכע נאַאיווע זאַכען, האָב איך דיך צוגעפיהרט צו דעם ברונעם. דערמאָן זיך אין די ווערטער: „די נעץ איז אויסגעשטעלט" און דו זעהסט, די נעץ איז אַ גוטע. איך מוז מיך מודה זיין, אַז כ׳האָב גרויס פערגעניגען, ווען איך ווער פטור פון די פאַר מיר אומגעווינשענע פערזאָנען מיט זייער אייגענער הילף און גוטען ווילען. מיר אַרבייטען צוזאַמען ווי גוטע פריינד. האָסט עס שוין געוויס אַליין אויך בע־מערקט, אַז איך ערמאָרד קיינעם נישט, זיי הענגען זיך אַליין אויף, סמ׳ען זיך, לופּען אַליין אין דעם ברונעם ווי דו, אַ שטייגער... ווייל צוליב וואָס בי־סטו אויף אַנ׳אמת׳ן אַהער געקראָכען, מיין אָרימער לופּען? שעהן זעהסטו איצט אויס! פלאָרענציע, גיב נאָר אַ קוק אויף דיין געליבטען!

ער האָט איבערגעריסען, ווייל עס איז איהם בעפאַלען אַ ווילדער געלעכטער, עס האָט איהם געוואָרפען ווי אין פיבער, דאָס פּנים איז געווען ווילד און די פיס האָבען זיך געדרעהט, ווי ביי אַ פּאַיאַץ. דערווייל האָבען דאָן לואי אָנגעהויבען צו פערלאָזען די כוחות, עס איז זיך איהם געווען שווער צו האַלטען אויף די הענד, מיט וועלכע ער האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין די גרעזעלעך און אין די שטיינער אויפ׳ן ברעג ברונעם. די פלייצעס האָ־בען זיך אָנגעהויבען פּאַמעלעך אַראָפּצולאָזען, פערטיפען.

— ענדליך! — האָט אויסגעשריגען דער גזלן מיט געלעכטער, — היינט האָב איך די מעגליכקייט זיך צו פערווײלען... לופּען אין זיין לאָך, פלאָרענציע אין דער הייל, איינער הענגט איבער אַנ׳אָפּגרונד, די צווייטע אונטער די שטיינער. אַ הערליך בילד! נאַ, לופּען מוטשע זיך נישט אומזיסט. צו וואָס אַזוי זיך אָנשטרענגען? האָסט מורא פאַר׳ן טויט? דו? אַזאַ הערליכער מענש! אַ נייער דאָן־קיכאָט. לאָז־זשע אָפּ די שטיינער... מעהר מוט! אַדיע, לופּען, צום ווי־דערזעהן!

ער איז ענטשוויגען געוואָרען און געוואָרט אויף דער שרעקליכער לעזונג פון זיין געניאַלען, אַזוי גענוי פון איהם אויסגעאַרבייטען פּלאַן.

ער האָט נישט לאַנג געוואַרט. דאַן לואי האָט אַלץ מעהר געזונקען אין ברונעם, דאָס מויל האָט זיך ביי איהם פערקרימט אין אַ גרימאַסקע פון אַגאָניע, די אויגען, שכור פון שרעק, דער שטערן, די האָר און דער גאַנצער קאָפּ, און ענדליך איז דער קאָפּ איינגאַנצען פערזונקען געוואָרען.

די קאַליקע האָט זיך איינגעקוקט ווי אין עקסטאַז, אָהן בעוועגונג, מיט אַנ׳אויסדרוק פון אַ ווילדען תענוג, און אַ טיפער שטילקייט.

אויפ׳ן ברעג פון ברונעם האָבען זיך נאָך גע־זעהן די הענט, די הענט, פער׳עקשנ׳ט אויסהאַל־טעוודיגע, העלדיש פערשטאַרטע... אָרימע אומגעכ־טיגע הענט, וועלכע האָבען אויך פּאַמעלעך אָנגע־הויבען נאָכלאָזען פאַר׳ן טויט. אַ מאָמענט נאָך, ער האָט זיך איינגעגראָבען מיט די נעגעל אין ברעג פון ברונעם. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די אָרימע הענט האָבען שוין אויך פערלוירען די האָפנונג אַרויסצושלעפּען דעם טויטען קערפּער פון דעם אָפּ־גרונד... אויסגעשעפּט ביז צום סוף... און ענדליך איז אַלץ נעלם געוואָרען...

דער קאַליקע האָט זיך אַ וואָרף געטון פאָרויס מיט אַ ווילדער פרייד:

— האַ! ענדליך אויך לופּען!

אַ סוף צו דער קאָמעדיע!

איצט האָט ער זיך צוריקגעקעהרט צו פלאָ־רענציאַן און ווידער אָנגעהויבען אַרום איהר זיין סקעלעטען־טאַנץ, געזונגען, געפּייפט, און אויסגע־גאָסען אַ גאַנצען ים מיט זידלערייען און קללות.

נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צום ברונעם און פון דערווייטענס, גלייך ער וואָלט נאָך מורא גע־האַט נאָהענטער צוצוגעהן, דריי מאָל אויסגעשפּיגען.

אָבער אויך דאָס האָט נאָך נישט בערוהיגט זיין שנאה. אויף דער ערד זענען געלעגען שטיקער פון צופאַלענע סטאַטועס־פיגורען. ער האָט געכאַפּט דעם קאָפּ פון איין פיגור, געקאַטשעט איבערן גראָז און אַריינגעוואָרפען אין דעם חלל און נאָכדעם אַריינגעוואָרפען אַהין שטיקער אייזען, שטיינער. דאָס אַלץ איז געפאַלען, זיך אָפּגעשלאָגען אין די ווענד און מיט אַ רעש, וועלכער איז פערשטאַרקט געוואָרען דורך דעם ווידערקול, אָפּגעהילכט פון דעם אָפּגרונד ווי אַ ווייטער דונער.

ער האָט זיך שוין קוים געהאַלטען אויף די פיס, אַ שווערער שווייס האָט איהם בעגאָסען, ער איז אַוועקגעפאַלען אויפ׳ן גראָז מיט אַ קרעכץ און האָט זיך געקאָרטשעט פון וועהטאָג.

ער איז געבליבען ליגען אַזוי עטליכע מינוט, עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער ליידט אומענש־ליכע וועהטאָגען; אין אַ מינוט אַרום האָט ער אַרויסגעצויגען פון דער טאַש עפּעס אַ פלעשעל מיט עפּעס אַ פליסיגקייט און אויסגעטרונקען אַ פּאָר טראָפּען.

ער איז באַלד, ווי אויפגעלעבט געוואָרען, ער האָט זיך בערוהיגט, אָנגעהויבען שמייכלען און געזאָגט צו פלאָרענציען:

— פרעה זיך נאָך נישט, מיין קליינע, מיך נעהמט נאָך דער רוח נישט צו, כ׳וועל נאָך בע־וויזען מיט דיר אַ סוף צו מאַכען. און נאָכדעם אַ רוהיג, פראַכטפול לעבען! 200 מיליאָנען דאָס איז נישט קיין קלייניגקייט, איך וועל זיי שוין פאַר מיר אַרויסבעקומען.. דאָס וועט זיין אַ לעבען! נו, עס איז מיר שוין בעסער.

(פאָרטזעצונג קומט).

אײן בליק איזט גענוג

אויף'ן עטיקעט פון דער באַנקע איז גענוג, כדי זיך איבערצײַיגען בײַם קויפען, צי מ'בעקומט
ווירקליך דעם געשמאַקסטען און שפּאַרעוודיגסטען שפּײַז-אײל
קויפט דעריבער אױסשליסליך דעם

Schicht „NELSON" שפּײַז-אײל

LEKARZ-DENTYSTA צאָהן-אַרצט
St. GELBERG
זאַכאָדניאַ 15, טעל. 31-08

ווײלט נאָך פערנכלעסיגטע ציינער און מויל-קראַנקהײַטען, טאַהן; ציינער; פלאָמבעס און שטיפט-ציינער. נעהמט אָן פון 9—1 און פון 5—7 אין אָוונד. צו מעסיגע פּרײַזען. 1ם

וויכטיג פאַר ה"ה פריזיערס!!!

קעלנישע בלומען=וואַסער	3.50 אַ קילאַ
וועזשעטאַל	„ 1.50
ראַזיר=זײַיף „פּיקסין"	„ 7.60
בריליאַנטין	„ 3.50

ווי אויך איז צו בעקומען פערשידענע פלאַטין- און שטאַהל=זאַכען צו פאַבריקס - פרײַזען.
מיט אַכטונג
י. דרוקער, זאַוואַדזקאַ 11.

טלתים-פאַבריק
אויספאַרבײַטונג פון האַלבע, האַלב-וואַלענע, זײַדענע טליתים און טערקישע, ווי אויך טליתים-קטנים הערט און דעמאָל פון אויספערטיגונג, אויך גאַרטלען, שפּאַניעס און ציצית צו בעקומען ביליגער ווי איבעראל
בײַ א. ח. ציטרינאָווסקי קאַמיענגאַ 1.
פון צוהייבען טײַער פארמער. קומט און איבערצײַגט אײַך! 898

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
בזשעזשינער 11, טעל. 37=63
אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָוונד.

ד"ר וואַלינסקי	נאָז, האַלז, אויערן קר.	4—3
ד"ר קערשנער	קינדער קראַנקהײַטען	5-4 12-9½
ד"ר שיפּמאַן	אינערליכע קראַנקה.	1—11
ד"ר לוביטש	הויט-און געשלעכטס-קר.	1—12
ד"ר שמירגעלד	נערווען און גײַסטיגע קר.	2—12½
ד"ר גאָלדבלאַט	אויגען-קראַנקהײַטען	1—12
ד"ר עליאַסבערג	כירורגישע-קראַנקה.	3—1
ד"ר בערנסאָן	פרויען און געבורטס-הילף	4—3

ספּיכאָ-טעראַפּיע, שפּראַך-שטערונגען ווי שטאַמלען א. א. ווי פּאָקען-שטעכען, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראַהלונג איינשפּריצונגען, מאַסאַזשען, עלעקטריזאַציע, אָפּעראַציעס. אויף פערלאַנג—היזוטשקן אין שטאָט,—אין לאַבאַראַטאָריום הערטן אַנגענומען אַלע אַרט אַנאַליזען, ווי אויך פלעגמאַ און בלוט.
אימפּונגען געגען שקאַרלאַטין.
ווי אויך אַ דענטיסטישער קאַבינעט.

ד"ר זיידענבערשטײן	צאָהן-אַרצט	2—10 נמ.
ד"ר ראָזשינסקי סטאַראָפּאָלסקאַ	צאָהן-אַרצט	7—3

קינסטליכע ציינער, קאַראָנען, מאָסטען א. א. וו.
די לעטשניצע איז אויך טעטיג זונטאַג.

א וועש - נײַערין
ווי אויך אַ לערן-מײדעל צו בעסטעלטע וועש ווערט פון זאָפאָרט געזוכט אויף קאָנסטאַנטינער 43, בײַ ווידאַווסקאַ, קווער-אָפיצינע, פאַרטער. 640

אויפפאָדערונג.
איך פאָדער אויף דעם ה' בנימין גינסבער פון ציגעל-נאָם 61 אין משך פון 8 טעג מיר ערלעדיגען פאַר דעם פּראָטעסט, וואָס ער האָט בײַ מיר גענומען צו אינקאַסע און נעגענפאַל וועל איך זײַן געצוואונגען איבערצוגעבן דעם נאָגצען ענין צום פּראָקוראָר.
מיט אַכטונג
משה פערדער.

ארענטליכער יונגערמאַן
זוכט אַנ'אָרט צו שלאָפען אין אַ געשעפט, לאַגער אָדער אין אַ קאָנטאָר געגען מעסיגער בעלוינונג. אויף וואונש ערשטקלאַסיגע רעפערענצען. אָפערטן אונטער „I. G." אין אַדמינ.

לעבער
צו נעהמען אויף דער מעסער ... בײַ
ג. נאָרדמאַן
29 צעגעלניאַנאַ

מיטוואָך, דעם 2-טען מאַי ה. י. קומט פאָר
א גרויסע אקאדעמיע
לכבוד דער 25=יעהריגער ליטעראַרישער טעטיגקייט פון בעליבטען דיכטער
יצחק קאַצענעלסאָן
איינצעלהייטען אין די ווייטערדיגע אַנאָנסען. 069

מעבעל
אין גרויסען אויסוואַהל — בעסטער קוואַליטעט
אויף די בעסטע בעדינגונגען, נור בײַ דער פירמע
M. BIMKE
Wschodnia 47 (Piotrk. 24)
Telefon 36-75
אַ גרויסער אויסוואַהל פון געבעטע שטיהל, אויך פון גלעראַרט טאַפּעצירי-מעבעל פון אייגענער עאויסאַרבײַטונג.

אַ בשורה טובה פאַר לאָדז!
פאַר 2.50 זל.
עלעקטריש בעלייכטונג אין שטוב
יעדער איינציגער קאָן בעקומען עלעקטריש בעלייכטונג אין שטוב פאַר 2.50 אַ וואָך פאַר יעדען פ. ווי אויך איבעראַרבײַטען אַלטע אַנלאַגעס אויף נײַע, פון ליטשניק אויף אַגראַניטשניק. פּראַטאָקאָלען פון עלעקטראָווניע. אַלעס ערלעדיגט די קאָנצעסיאָנירטע פירמע
ח. סאָלניק, לאָדז צעגיעלניאַנאַ 63
פּראַנט-געוועלב אין הויז פון פּוילישען טעאַטער. בעמ. זשאַרובקעס „Philips" און „Osram" שטענדיג אויף לאַגער מיט 25% ביליגער. קומט און איבערצײַיגט אײַך.

והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת?
פאַרוואָס לויפט יעדער אין ביוראָ פּעטריקאָווער 17?!
ואמרת אליו, זאָלסטו איהם זאָגען
— אַז אין דעם ביוראָ —
17 פּעטריקאָווער 17
דורכגאַנג זאַכאָדניאַ 52, יואו ס'ווערט ערלעדיגט און געוויסענהאַפט געשריבען לויט'ן אוסטאַוו אַלערליי ביטעס קלאַוזולעס, זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט א' פוילען, אַפּעלאַציעס צי-ווילנע און קאַרנע אַפּאָזיציעס, אַדוואָ-לאַניעס, רעקורסען וועגען דירה אין אַוושאַנד-ראַזיעמטשי, וועגען פּעסער אין קאָמיסאַריאַט-רזשאָנדו און אַלע פּאָליציי-בעצירקען, אַקטען אינטער-ציזיעס, אַקטען דאַראַוויזנעס, קאַרנע ספּראַוועס. ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען. ספּעציאַליסט פון שותפות-אַקטען.
מיט אַכטונג י. מאַנעלאַ,
רעכט-קאָנסולענט.

מעבעל | טיפּען נישט פאַיין | מעבעל
מעבעל
בעסער איהר איבערצײַיגט אײַך נישט און פריי
44 מעבעל-געשעפט 44
גדאַנסקאַ (דלוגאַ)
טעלעפאָן 62=56
CH. ŁAZNIK
מעבעל שעהן נוי ביליג.
בעמערקונג: אויך קויף איך פערשידענע מעבעל, דיוואַנעס, פעלצען, נײַי-מאַשינען, פּאָמאָראַנטשען, פּאָלצער א. א. וו. ...

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al. Kościuszki 27, tel. 51-78.
הויט און וענערישע קראַנקהײַטען און ליבעס-חסר אימפּאָטענץ נעהמט אָן פון 5—7 אין אָוונד.

Dr. med.
BRAUN
23 פּאָלודניאָוואַ 23,
טעלעפאָן 40-26.
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט און וענערישע קראַנקהײַטען און מענער-שוועכע.
בעהאַנדלונג מיט כוואַרץ-ליכט (האַר-אויספאַל)
נעהמט אָן פון 9 ביז 11 פריה און פון 5—8 אָוונט.

Dr. med.
L. Pikielny
אוראָלאָג
ספּעציאַל-אַרצט פאַר נירען, בלאָזען- און האַרן-קראַנקהײַטען
Nawrot 8,
telefon 19-90.
נעהמט אָן פון 4—7 אין אָוונד

Dr. med.
STUPEL
Szkolna 12
ספּעציאַליסט פאַר הויט-, האַר- און וענערישע קראַנקהײַטען, מענער-שוועכע, לישיי און ראַק, רענטגענשטראַהלען און קוואַרץ-ליכט, עלעקטראָ-טעראַפּיע.
נעמט אָן פון 12 ביז 3 נאָכמ. און פון 6 ביז 9 אין אָוונד.
לעטשניצע-פּרײַזען.

שטעפּער = געזעלען
אַ ריכטעווער ווערט פון זאָפאָרט געזוכט אויף לאַגעווניצקאַ 13, ב. סטאָל.

ס'איז נויטיג
אַ לערן-יונגעל
צו לעדער=גאַלאַנטעריע-אַרבייט געגען באַלדיגע צאָהלונג. אַלטער מאַרק 13 בײַ ש. שפּילקאַ.

Zaginiony został
protest z wystawienia W. Działowskiego w Łodzi, na zlecenie I. M. Goldstein, płatny 8-go marca 1928 r. w Łodzi, Aleksandryjska 18. Żyranci: M. N. Goldberg, Nad Łódką 16 i M. Wiener, Zgierska 40. Protest zostaje niniejszem unieważniony. Zwrócić do adm. niniejszego pisma. 647

PROSZEK OD BÓLU GŁOWY DLA DOROSŁYCH
„KOWALSKINA"

USUWA NAJSILNIEJSZE BÓLE GŁOWY
A.K.
FABRYKA CHEMICZNO-FARMACEUTYCZNA „AP. KOWALSKI" WARSZAWA

WYCIEŃCZENIE-BLEDNICE
LECZY
HEMOGEN
przetwór żelaza
MAGISTRA KLAWE

ORYGINALNY TYLKO Z FIRMĄ
KLAWE

מעבעל
איך קויף און פערקויף
דיוואַנעס, פעלצען, נײַי-מאַשינען, גאַרדעראָבען, סאַמאָווארען א.ז.וו. און צאָהל די העכסטע פּרײַזען
א. ווײַצמאַן נאַרוטאָוויטשאַ 19
(דזיעלנאַ)
אין מעבעל-געוועלב, (פּריוואַט-וואוינונג שענקעוויטש 29)
בײַ מיר איז שטענדיג דאָ פערשידענע געניצטע מעבעל אין גוטען צושטאַנד צו פערקויפען. 819

א שותף טע
צו האַנד-אַרבייט מיט דער בראַנזשע-קענטניש, ווערט געזוכט. אַ געוועלב אין צענטרום שטאָט מיט אַ גרויסער קונדשאַפט צו דיספּאָזיציע. אָפערטען אין אַנאָנסען-ביוראָ ס. פוקס, פּעטריק. 50 סוב. „Roboty ręczne"

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
און ערצטליך=דענטיסטישער קאַבינעט
זגיערסקאַ 17 טעל. 16=33.

ד"ר ראַקאָווסקי	נאָז האַלז, אויערן קר.	11—10 2—3 7—6
ד"ר רוזשאַנער	הויט און געשלעכטס קר.	11—10 2—1
ד"ר גאָלדשטײן-פּאָלאַק	אויגען-קראַנקהײַטען	2—1 8—7
ד"ר יוסטמאַן	נערוען קראַנקהײַטען	2—12
ד"ר ראָזענצווייג	קינדער-קראַנקהײַטען	12—10 5—4
ד"ר פּאָפּיערני	פרויען און געבורטס-הילף	1-11½ 6—5
ד"ר קאַנטאָר	כירורגישע-קראַנקהײַט.	5-4 זג. 1—9
ד"ר ווײַנבערג	אינ. חערץ לונגען-קר.	1-11 5½—7
ד"ר סטופּעל	רענטגען	12—10 6—4
א. גראָדזענטשיק	צאָהן-אַרצט	7—3
ג. ראָזעס	צאָהן-אַרצט	2—9

צאָהן-בעהאַנדלונג, בעלאָמבירונגען, קאָראָנען, מאָסטען א. א. וו.
בײַ דער לעטשניצע איז געעפנט געוואָרען
א רענטגען=אינסטיטוט
היילונג פון הויט קראַנקהײַטען פון קאָפּ (פּאַרך) מיט רענטגענשטראַהלען, פאַר בעשטראַהלונג און דורכלײַכטונגען, הערץ-לאַמפּע, דיאַטערמיע, עלעקטריזאַציע אַלע מינליכע אַנאַליזען. אַ קורס פאַר שטאַטלער.
אימפּונגען געגען שאַרלאַך (שקאַרלאַטין) פון 4—5 נאָכמ.
די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאַג.
וויזיט אין דער שטאָט.

ערצטליך-קאָסמעטיש. קאַבינעט
פּראָפ. מ. מאַרקוס נעהמט אָן פון 5—7 אָוונד

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. K...
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.